# דעם בעקער׳ס אײדעם ◇ דער איד הקדוש

ר׳ משה גדליה, דער בעקער פון דעם
שטאדט אפט, האט קײן גרויס נחת פון זײן
אײדעם נישט געהאט, קײן למדן איז ר׳ משה
[redacted] גדליה׳ס נישט געװען. קוים.
וואס ער האט אַ פרשה חומש רש״י מיט אַ פרק משניות
געלערנט, אבער אַ גרויסער עהרליכער איד איז ער געווען.
פאר אַ תלמיד־חכם. פאר אַן בן תורה, האט ער זיך אין
גאנצען מבטל געמאכט, און בעל צדקה, מכניס אורח,
בקיצור. ר׳ משה גדליה איז געווען אַ שם־דבר אין אַפּט.
ווען שײנדעלע, זײן טאכטער, איז אונטערגעוואקסען,
מען האט איהר אונגעהויבען רײדען שדוכים, האט ש׳
גדליה דוקא געזוכט, אַ בחור, אַ תכשיט. אַ בן־תורה. אַן
עלוי. וועלכער זאל עסען ב״י איהם אין הויז עטליכע
יאהר קעסט. זיצען על התורה ועל העבודה, און ער זאל
אויסוואקסען אַ למדן. מיט וועמען לײטען זאלען איהם
מקנא זײן, האט איהם אײנמאל אַ שדכן געבראכט אַ
בחור. פון שטעטעל (פְּשִׁיסְכָא.) איז איהם דעם בחור
אזוי שטארק מפלוא געווען. אז עס האט איהם דעם
קאפּ פארדרעהט, אזוי ארום איז יעקב יצחק געווארען
זײן אײדעם... אבער באלד נאך דער חתונה, האט זיך
איהם ארויסגעוויזען. אז ער איז ״ארײנעפאלען,״ ער
פירט זיך גאר ניט ווי קײן מענש, דער יונגער אײדעם
זײנער:- שטענדיג פאר׳מוח׳ט, פארטראכט, פארטאן,
ער הערט נישט, וואס מען רעדט צו איהם, און די גאנצע
שטוב געהט אין ווי דער פאראַיאהריגער שניי, -
מיטען שווער זײנעם האט ער נישט קײן מחזקות, אויף
די יעדע טענות, ענטפערט ער מיט אַ ברום, נו..נו.נו.
אדער ע׳ ע׳. - ווי ער וואלט נישט געטאט מפסיק זײן
אין מיטען פון אַ דאווענען;- גאנץ אָפְּט ווערט ער
פארשוואנדען אויף גאנצע טעג, פון הויז. און מען ווייס
נישט, וואו ער גייט און קומט, בײנאכט שלאפט ער
בלויז אַ שעה צוויי, און געהט אין בית המדרש ארײן, וואו
ער פארבלײבט ביז טאג, וואלט ער כאטש געלערנט,
ווי אלע קעסט יונגע לײט - דאס אויך נישט, מען זעהט
איהם קײנמאל ניט עפענען אַ אידיש ספר. מען הערט
ניט פון דײן מויל קײן ווארט תורה, נאר ער שפאנט
איבער׳ן גרויסען בית המדרש אַראפּ און ארויף. א צופלאנטט-
ער, אַ צוקאכטער, ווי נאך א גרויסע מקוה און מוח׳ט דיך,
און אז ער שטעלט זיך דאווענען, געדויערט עס, ימים
ושנים). אנהויבען הויבט ער אַן מיט׳ן ערשטען מנין
ווי נאר עס הויבט אַן צו טאָגען, דורך די צייט דאוו-
ענען אב עטליכע מנינים, מען לערנט אַ פרק משניות
אַ בלאט גמרא,- און ער יעקב יצחק, שטעהט אלץ אין
זײן ווינקעל דעם טערקישען טלית, איבער׳ן קאפּ, ארײַנ-
געצויגען, אין דאווענט,- רבונו של עולם, וואס

דאוונט ער אזוי לאנג...---! - ר׳ משה גדליה
וואלט שוין לאנג אַ סוף געמאכט צו זײן התנהגות,
ער וואלט געזוגט, ווילסטו זײן אמענש - ווי אלע מענ-
שען איז הרי טוב,- אין אויב נישט, גיב דײן ווייב אַ גט.
און געה דיר צו אלדע גוטע יאהר, לאזט אבער נישט די
טאכטער, שײנדעלע האלט פאר איהר מאן שטאל אין אײזען.
מיש דיך נישט, טאטע.- ער ווייס וואס ער טהוט; ווארט
עד וויס וואס עח האב געדולד, וועסטו נאך האבען פון
איהם נחת. ווען אבער די ווילסט אונז מעהר נישט געבען
קײן קעסט, וועט אויך דײן רעכט,- איך וועל זוכען
ארבײט אין שטאדט, וואשען גרעט, וואשען
פאדלאגעס, אַבי איהם נישט, שטערען אין זײן
עבודות.- לאז איהם צורוה, טאטע,-; איז דאך משה
גדליה אַ טאטע;״ דריקט ער, אין שווייגט, זאל ער זיך
מאכען צו לײטיש געלעכטער? וועט ער דען קענען
ציקוקען, ווי דײן שײנדעלע איז א דינסט ב״י פרעמדע
מענשען-? - זאל מײנס איבערג׳ין, אבער קײן נחת האט
ער נישט

## ווינטער. ר״ח שבט

אַ שווערע ווינטער נאכט, האט געבושעוועט, אַ שניי
ווי אַ מענעש דיהויך, עס איז ממש אַ סכנה. ארויס
צוגען, אין דרויסען,., דער עולם ליגט אונטער די
ווארימע פערנעס, אין הערט זיך צו, צו דער ״מוזיק״
וואס עס שפילט זיך אפ אין דרויסען:. ר׳ משה גדליה
מיט דײנע געזעלען, פארען זיך, אין דער ווארימע
באלאכטענע בעקעריה,- גרייטען צו פריש געבע
געבעקס פאר די שטאוועט מענשען אויף צו מארגענס
- אבער ר׳ משה גדליה, איז נישט דער קאפּ צו דער
ארב״יט, דער אײדעם איז תחילת נאכט ארויס פון שטוב
און נישט מען הערט פון איהם, אין מען זעהט איהם,
ערהאט צו געשיקט אַ בעקער יונג, צום בית המדרש
זעהן, צו ער געפינט זיך דארט, דער יונג איז צוריק געמע-
דערצײלט, אז ער האט קײנעם נישט געטראפען, בלויז
אַ יאהר צייט ליכט ברענט, אבער האט קײנעם נישט
געזהן דיזען לערנען — נו־געה שוין צו דער ארב״יט ;
איך וואלט דיך געדארפט שיקען אַ צווייטען מאל,
נאר איך האב רחמנות, אזא וועטער,- איז אַן עבירה
אַ הונט ארויס צו טרײבען,-- אין דער זעלבער צייט
האט אויפ׳ן שאסיי, וואס האט געפיהרט קײן אַפּט,
געשפאנט אַ וואגען פול אנגעלאדען, מיט סחורות
פאר די גרעסטע סוחרים, אין קרעמער. דער שווער
וואגען, געפיהרט פין צוויי פערד ווי די לײבען,
האט צוליב דעם שנײשטארעם, זיך פארזינ-
קען, אין טיפען שניי, דער בעל־עגלה, מיטען
שמײסער, ווענדען און זײערע חכמות כדי
ארויס צושלעפען דעם וואגען פון דעם טיפען

# משה און די מלאכים אין הימעל

ווען משה איז ארויף אין הימעל, האבען די מל=
=אכים געזאגט צו דעם אויבערשטען: רבונו של
עולם, ! ווי קומט אַט דער נפש, וואס איז געבוירען
פון אַ פרויענצימער, צווישען אונז? האט ער זיי
געענטפערט: ער איז געקומען נעהמען די תורה, האבען
די מלאכים געזאגט: - וואס געסטו טהאן? אט דער
טהייערען אוצר וואס ליעגט ביי דיר בעהאלטען
נאך איידער די וועלט איז בעשאפען געווארען, ווילסטו
אוועקגעבען צו אַ בשר ודם? וואס איז דען אַ
מענש? ניט ווערטה די זאלסט איהם אפילו דערמ=
=אנען, האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה'ן:
ענטפער זיי דו, האט משה געזאגט "רבונו של עולם,
איך ציטער פאר זיי, - זיי קענען דאך מיר פערברענען
מיט דעם דאמפף פון זייער מויל, האט דער אויבערשטער
געזאגט: האב קיין מורא, האלט זיך אָן ביי מיין
שטוהל און ענטפער זיי." און אז משה האט בעקומען
מוטה, האט ער אזוי גענומען טענה'ן: "לאמיר זעהן,
וואס שטעהט דארט אין דער תורה? - שטעהט דארט:
איך בין דיין גאט וואס האט דיך ארויסגעצויגען פון מצר=
=ים? - נו, איהר, מלאכים, זייט איהר דען געווען אין מצרים
איהר האט דען געדינט ביי פרעה'ן? ווייטער שטעהט
אין דער תורה: די זאלסט ניט דינען קיין אנדער גאט=
=נו, אין איהר, מלאכים, ווינט דען צווישען געצענ=
דענער? ווייטער שטעהט דארט, אז מען דארף רוהען
שבת, נו, און איהר ארבייט דען דורך דער וואך, דאס
איהר נויטהיגט זיך אין אַ טאג רוה? נאכדעם שטעהט
אז מען דארף עהרען פאטער און מוטער, האט איהר
דען טאטעס און מאמעס? - נאך ווייטער שטעהט, אז
מען טאָר ניט אומזיסט שווערען, פיהרט איהר דען ביי אייך
געשעפטען? און וואס שטעהט דארט ווייטער? —
זאלס ניט מערדערן, זאלסט ניט דיין אויסגעלאסען,
זאלסט ניט גנב'ענען, נו, האט איהר דען אַ יצר הרע
וואס טרייבט אייך צו טהאן שלעכטס?" — —
ווען די מלאכים האבען דאס אלעס אויסגעהערט
האבען זיי צוגעגעבען אז די תורה איז געמאכט נאר פאר
די מענשען, - און יעדער מלאך איז געווארען משה'ס
פריינד, און האט איהם איבערגעגעבען אַ וויכטיגע זאך,
אפילו דער מלאך המות, האט איהם אויך פערטרויט
אַ וויכטיגע געהיימניס, (סוד) (שבת פח)

## משה דער עניו

נאכדעם ווי משה איז ארונטער פון הימעל, איז דער
שטן, דער אייביגער שונא פון די מענשען, געקומען
צופליהען אַהן אטהעם, און ער האט געשריען פאר דעם
אייבערשטען, "רבונו של עולם! וואו האסטו אהין
געטהאן די תורה?" האט דער אייבערשטער געענט=
=פערט "איך האב זי ארונטער געגעבען אויף דער ערד",
איז דער שטן ארונטער געגאנגען זוכען די תורה,
ווען ער האט געפרעגט די ערד: - האט די ערד געענט=
=פערט, גאט ווייס וואו די איז אוועק." איז דער שטן
געגאנגען צום ים, - האט דער אבגרונד געזאגט:
"ניט אין מיר" איז ער געגאנגען צום גיהנם, האט
דער גיהנם געענטפערט: "איך האב בלויז געהערט
פון דעם, אבער וויסען וויס איך ניט" איז דער שטן
צוריקגעקומען אין הימעל, און האט געזאגט: — —
"רבונו של עולם"! איך האב די תורה געזוכט אויף דער
גאנצער ערד. און האב זי ניט געפונען" האט איהם ער
געענטפערט: געה צו דעם זוהן פון עמרם." איז דער
שטן געקומען צו משה'ן, און האט איהם געפרעגט:
די תורה וואס גאט האט דיר געגעבען, וואו איז זי? — —
האט משה געענטפערט: ווער בין איך אזוינס וואס
דער אייבערשטער וועט מיר געבען אַ תורה? האט
דער אייבערשטער זיך אבגערופען צו משה'ן: די
משה. זאלסט זיין אַ ליגנער? האט משה בעשיידען
געענטפערט: "רבונו של עולם! די האסט אַ טייערען
אוצר וואס די שפילסט זיך מיט איהם יעדען טאג,
זאל איך זאגען אז דאס איז מיינס?" האט דער אייב=
=ערשטער געזאגט צו משה'ן: "דערפאר וואס די האסט
זיך אזוי קליין געמאכט, וועט די תורה גערופען אויף
דיין נאמען — תורת משה", (שבת פט)

# נח איש צדיק — תמים היה בדורותיו

נח איז געווען א צדיק, און דער פסוק אין תהלים
"אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים", וואויל
דעם מענשען וואס איז ניט געגאנגען לויט דער עצה פון
די רשעים", דאס מיינט נח'ן. — און דער אמת איז אז
וועגען נח'ס צדקות איז פאראן א מיינונגס, פארשידענע
הייט. מאנכע חכמים ז"ל האלטען אז ער געווען א צדיק
בלויז אין זיין דור, — ווייל אלע זענען געווען רשעים.
האט ער זיך גערעכענט פאר א צדיק, וואלט ער געווען
אין משה רבינו'ס, צי אין שמואל הנביא'ס צייטען, וואלט
ער ניט געווען באטראכט געווארען פאר א צדיק.
אנדערע ווידער האלטען פארקערט ... מה דאך
אין זיין דור, ווען אלע זיינען געווען רשעים. אין ער איז
געווען א צדיק, — מכל שכן ווען ער וואלט געווען
געלעבט, אין משה רבינו'ס צייטען, וואלט ער דאך
אודאי געווען א צדיק. — אבער איין זאך איז דא זיכער,
ווי די תורה זאגט בפירוש אז ער איז געווען א צדיק, תמים

און ווען ער איז ארויס פון דער תיבה האט ער
געפלאנצט א וויינגארטען, ... דער מדרש תנחומא
דערצעלט, איז געקומען דער (שטן) און האט איהם
געפרעגט "וואס פלאנצטו"? האט נח געענטפערט
אז ער פלאנצט א וויינגארטען, האט דער שטן איהם
געפרעגט, וואס אזוינס איז דאס? — האט נח געענטפערט
עס וואקסען אזעלכע פרוכטען, פון וועלכע מען מאכט
וויין. — וואס דערפרעהט דעם מענשענ'ס הארץ. ווי אין
פסוק שטעהט. "ויין ישמח לבב אנוש (תהלים קד.)
האט דער שטן זיך אנגערופען "אויב אזוי, לאמיר דאס
טאן צוזאמען." איז געגאנגען דער שטן, און האט געטוי-
טעט א שעפעלע אונטער דעם וויינגארטען, נאכהער האט
געטויטעט א לייב אונטער דעם וויינגארטען, און נאכהער
א חזיר, און נאכהער א מאלפע, און מיט די בלוטען
פון די דאזיגע באשעפענישען האט ער באשפריצט דעם
וויינגארטען, דער — מיט האט דער שטן געמיינט צו געבען
נח'ן "אנצוהערען." אז איידער דער מענש, טרינקט וויין
(צו אן אנדערע שטארקע משקה) איז ער ווי א שעפעלע
טרינקט ער א ביסעלע, אין כאפט ניט איבער די מאס,
ווערט ער שטארק ווי א לייב, און ער מיינט אז קיין שטאר-
קערעס פון איהם איז ניטא, כאפט ער אבער איבער די
מאס, ווערט ער ווי א חזיר, און וואלגערט זיך אין די
רינשטאקען, ווערט ער שוין גאר שכור, ווערט ער ווי
א מאלפע, טאנץ, שפרינגט זינגט רעדט נארישקיי-
טען און אזוי ווייטער, .........

איז, רבותי, א ביסעלע בראנפען, צו א ביסעלע
וויין, טאקע, גאנץ נישט קושה,

אבער נאר דאן ווען עס איז אויף דער ריכטיגע
צייט, און אויפ'ן ריכטיגען ארט, אין דער
ריכטיגער געזעלשאפט, אין דער עיקר, דער
ריכטיגע מאס, דאן ווערטמען א ביסעלע
פרעהליך אין מען זאגט א דבר תורה, און ער
דערהט אוים ווי א מענש, כאפט מען אבער, איבער
די מאס, מען טרינקט גלאט לשם טרינקען
הויבט מען זיך אן אויפירען ווי א חזיר,
ווי א מאלפע, אין דאס פארשטייט זיך טויג
ניט, עכ"פ באדארף יעדער זיין פארזיכטיג בשעת
מען מאכט א **לחיים**

## לאה'ס שוואכע אויגען

לאה האט געהאט שוואכע אויגען, ווערט דער-
צעהלט אין חומש, — דורך אזא געשיכטע
איינמאל האט לאה געהערט ווי צוויי מענשען
ריידען צווישען זיך אזוי: — רבקה האט צוויי
זוהן, און לבן האט צוויי טעכטער, די עלטערע
מיידעל וועט נעהמען דעם עלטערען בחור,
און די אינגערע מיידעל — וועט נעהמען דעם
אינגערען בחור, — האט לאה גענומען נאכפרע-
גען וואס פאר א מענש דער עלטערער בחור
(עשו) איז, און אין וואס ער פערברענגט זיין
צייט, האט מען איהר געענטפערט אז ער
איז א יעגער, און אז ער בערויבט מענשען,
— און וואס טהוט דער אינגערער? האט זי
געפרעגט, האט מען איהר געענטפערט א
פרומער, און א היים זיצער, (דאס איז געווען
יעקב) האט לאה געוויינט אזוי לאנג ביז עס
זיינען ביי איהר ארויסגעפאלען די אויגענברעמען
(בבא בתרא קכ"ג)

האט זיין פרוי, איבער איהם דערצעהלט אַ וואס!— אַ. ערך פון אכטצען יאהר. איז ער. דער געשטארבענער אלץ געלעגען אין זיין אויבערשטיבעל,— ווען איך פלעג אהין ארויף, האב איך איהם געקוקט, אין די האר פון קאפ;— אין אז אַהאר האט זיך ארויסגעריסען. פלעג ארויסגייען טראפען בלוט,° איינמאהל דערזעה איך, ווי אַ ווערימיל קריכט ארויס ביי איהם פּנ'ם אויער, האב איך געהאט דערפין צער, קומט ער מיר צו חלום און זוגט מיר, ס'איז גאר נישט:—דאס איז נור דער פאר וואס איך האב געהערט, מיט מיינע אויערען.— ווי מען האט אמאל באליידיגט אַ תלמוד חכם,— און איך האב זיך אויף דעם נישט אפגערופען ווי געהעריג.—.

אמאל מאכט זיך. אז ר' אלעזר'ס וויב האט זיך געקריקט מיט איהר שכנה,— אין יענע האט זי געשאל=טען; הלואי זאלסטו האבען אַזא סוף ווי דיין מַאן אין אויך ווי ער איז ניט געקומען צו קבר ישראל, דעהערט אזעלעכע ווערטער, האבען די חכמים זיך בעטארכט, אז מעהר טאר שוין אזוי נישט געדוירען און מען מיז דעם מת באהאלטען.— איז דער פאטער זיינער ר' שמעון בן יוחאי, געקומען די חכמים צו חלום אין זיי געזוגט, אז מען זאל ר' אלעזר'ן זיין רעכטס טוהן, זיינען געגאנגען די חכמים איהם טוהן זיין רעכט אין געוואלט איהם ברענגען, צו קבר ישראל, האבען די איינוואינער פון יענעם שטעטעל, זיך געש=טעלט, אין דאס נישט דערלאזט, ווייל די אלע יאה=רען וואס ר' אלעזר איז געלעגען אין זיין אויבערשטי=בעל, איז אויף זייער שטאעט, קיין מאל נישט באפאלען קיין שום ווילדע חיה.—! איינמאל, אין ערב יום כפור ווען די שטאדט לייט זיינען געווען שטארק פערנומען —האבען די חכמים, געשיקט מענשען פון אַ נאהענט שטעדטיל, (בּירים) אין יענע האבען ארא=גענומען דעם מת אין דער מטה, און איהם אוועק געטראגען, אין דער הייל פון זיין פאטער, געקומען אהין, געפונען זיי אַ בעזע שלאנג ליגט ארומגעווי=קעלט, ארום דעם אריינגאנג פון דער הייהל, און לאזט נישט אריין, רופען זיי זיך אָן: שלאנג שלאנג, עפען אויף דיין מויל;— אין לאז אריין דעם זוהן צום פאטער, האט די זיי גלייך געפענט דעם אריינגאנג,——!

## צער גידול בנים

ר' חיים האט זיין גאנצען לעבען פארבראכט אין תורה לערנען, זיין ווייב די אשת חיל האט באזארגט די חיונה, אויפגעבראכט די קינדער און אפילו די חתונה נעמאכט ר' חיים אליין, האט פון קיין אנדערע זאך ניט געוואוסט, נאר ווי צו זיצען יומם ולילה אין עוסק זיין אין לערנען, אין אפילו דעם טאג פון זיין טאכטער'ס חתונה האט ער ניט מפסיק געווען אין געלערינט ווי תמיד, ערשט ווען עס איז געקומען די צייט, צו פיהרען חתן-כלה צו דער חופה, האט מען גענאמען איהם צואיילען,— ר' חיים, ר' חיים! קומט מען דארף שוין געהן צום קבלת-פנים"— איילענדיג זיך אנצוטאן די קאפאטע, האט זיך איין אובעל ביי איהם פארטשעפעט. איז ער געווארען אַ ביסעל אויפגעבראט און האט גענאמען מורמלען אז צער גידול בנים איז טאקע ניט קיין קלייניקייט—

---

עס ווערט דערצעהלט אז אַ צורר היהודים אין אמאליגע צייטען איז ארויס מיט'ן בלבול, אז אין די ראשי תיבות פון דער הגדה **דצ"ך עד"ש באח"ב**, ליגט באהאלטען דער סוד אז אידען "ניצען" קריסטליך בלוט אויף פסח דצ"ך זאל הייסען "**דם צריכים כולם**" (אז אלע דארפען בלוט,) **עד"ש**— עבור דם שחטו.
צוליב בלוט האט מען געשאכטען, **באח"ב**,— בן אלקים חיים בירושלים,— גאט'ס זוהן אין ירושלים, האט אַ רב ארויסגערופען, דעם דאזיגען צורר היהודים אויף אן עפענטליך ויכוח,— אין האט דערקלערט, אז די ראשי תיבות מיינען נאר: "דצ"ך— דברי צוררים כזב. (די בלבולים פון אונזערע שונאים זיינען פאלש) עד"ש,— עלילות דם שקר, (בלוט בלבולים איז פאלש.) באח"ב,— בצה איסור חמור בדם, (אז אַ אפילו אַ אין איי וואס האט אַ בלוט-טראפען איז ביי אידען, פארבט

# ר׳ אלעזר בן שמעון גענומען אויף זיך יסורים

רבי אלעזר איז געווען דער גרויסער למדן און אגרויסען חכם
צווישען זיינע חברים, האט ר׳ אלעזר אנגעטראפען, איינעם
פון די בעאמטע, וואס פערנעהמען זיך מיט נאכשפירען
אין תאפען גנבים ביי נאכט, — פרעגט ר׳ אלעזר ביי איהם
ווי אזוי ארום דערקענסטו די לייט ?. מעגלעך אז די כאפסט
גאר ערליכע לייט, — און לאזט אדורך די אומערליכע, — פרעגט
ער איהם יענעם : וואס קען איך דער צו העלפען ?. איך פאלג
דעם קעניג׳ס באפעהל, — אט הער — זאגט איהם ר׳ אלעזר
וועל איך דיך אויסלערנען, ווי די זאלסט טוהן, — אין דער
פיערטער שעה אין דער פריה זאלסטו אריינגעהן אין א
שענק : באמערקסטו דארט איינעם וואס זיצט, איבער
א גלאז וויין און דרימעלט — זאלסטו די זיך, דערפרעגען
אויף איהם : — אויב ער איז א לערנער — איז ער אויף
געשטאנען פאר טאג צום לערנען : — אויב א ארבייטער
איז ער אויף געשטאנען פאר טאג צו דער מלאכה : — —
אין אויב ניט דאס, אין נישט דאס, פאק איהם. ער איז
א גנב, — זענען אנגעקומען ר׳ אלעזרס ווערטער
צום קעניג. באפעהלט מען : ( אז דער בריף לעזער,
זאל זיין דער בריף טרעגער ). שיקט מען נאך ר׳ אלעזר
אין ער ווערט. א גנבים חאפער, איינמאל באגעגענט
ר׳ אלעזר, א וועשער פאלט ער אויף איהם אן, און
ריפט ר׳ אלעזר׳ן (. עסיג, דער זוהן פון וויין, ! )
נישט אנדערש ער איז א פעברעכער. אזוי פיל חֻצְפָּה
אין א מענשען, — און באלט הייסט ער זיינע בעדינער
איהם כאפען, — באפעהלט איהם ר׳ יהושע בן קרחה :
ביז וואנען וועסטו איבערגעבען, אונזער גאטס פאלק
צום טויט. ? — ענטפערט איהם ר׳ אלעזר — — — דערנער
רוים איך אויס פונעם וויינגארטען, באפעהלט איהם
ר׳ יהושע צוריק, לאז קומען דער אייגענטהימער פון
וויינגארטען, און ער זאל אליין אויסרוימען די דערנער
דיינע, נאכדעם ווי ר׳ אלעזר׳ן איז אפגעגאנגען, דאס
הארץ פון חרטה, ! האט ער זיך אוועקגעלייגט אויס
צולייזען דעם וועשער פון דער תפיסה, און ס׳האט
איהם ניט געהאלפען, — האט די זאך ר׳ אלעזר׳ן זעהר
געקרענקט, און האט אויף זיך געזאגט,

**ווער סהיט דעם**
**ציינג פון מאל: היט ער**
**דיין אייגן לייב. פון ליידע**

ווען מען האט דעם וועשער אויף געהאנגען, איז
ר׳ אלעזר געשטאנען אונטער דעם בוים פון דער
תליה, און געוויינט, — ווער ווייסט, האט ער זיך
געטראכט, — צו איז דאס מאל ניט אומגעקומען
דורך מיר אן אומשילדיגער,

קומט מען און. מעזוגט איהם : רבי, האסט דיך דא נשט
וואס צו ערגערען, — דער געהאנגענער איז בעוויסטער
פעברעכער, ״ האט ר׳ אלעזר, ארויפגעלייגט די האנד
אויפ׳ן בויך, און אויסגעריפען צופרידען : — ! — —
דאך האט ער זיך נישט געקענט בערוהיגען ....
— פרעהט זיך : — געדערעם מיינע, — פרעהט זיך ! —
— איך מעג זיכער זיין, אז צו איך וועלען קיין ווערים
נישט צושטעהן. ! באמערקידיג ( אז ר׳ אלעזר ב׳ שמעון
איז געווען זייער א פעט לייביגער ) דאך האט ער זיך
ניט גערוהיגען, ווייל די שמערעצין איז געווען זייער
גרויס, האט מען איהם, איינגעגיבען ( שלאף געטראנק
אין מען האט איהם, געעפענט דעם בויך. און מען האט
אפגעצויגען. פון איהם, שמאלץ גאנצע ( קערב )
האט מען געפרובט, לאזען דאס שמאלץ ליגען אויף
דער זון, אין די גרויסע היצען. פון ר״ח תמוז און אב,
און ס׳האט ניט באקומען קיין שלעכטען ריח ! — —
ר׳ אלעזר שוין מעהר א בערוהיגטער, געזוגט, אויף
זיך, מיט די ווערטער פון תהלים — —
( אויך מיין לייב וועט רוהען געזיכערט ),
נאך אלעמען, איז ר׳ אלעזר פארט ביי זיך אין הארצען
ניט אין גאנצען דוהיג געווען, — און ער האט אויף זיך אויס
געבעטען שווערע יסורים, — — אלע נאכט פלעגט
ער אויף זיך רופען די יסורים, דער הערט עס זיין ווייב
ווערד זי אויף איהם שטארק אויפגעבראכט, אזוי גאר, —
זאגט זי — די אליין מיט דיין ווילען רופסטו די יסורים
אויף זיך — — קארג האסטו שוין פערקריינקט מיין
פאטערס געלט. ! — האט די פערנומען מיט זיך די קינדער
אוועק אין פאטערס הויז אין איהם איבערגעלאזט
אליין, — — האבען די תלמידים זיינע איהם געבראכט,
עסען וויפעל ער האט געדארפט, און נויטיגע זאכען
אלעס וואס איז געווען נויטיג, — איינמאהל ריפט זיך אן
ר׳ אלעזר׳ס פרוי צו דער טאכטער : גיה זוך אדורך
וועסטו זעהן, וואס מאכט איצט דיין פאטער אין געזונט
? — הומט די טאכטער צום פאטער, ווי האט די דערזעהן
— זאגט ער איהר, גיה זוג דיין מוטער דיינע, אז זאל
קומען קוריג. — — פון גוט עסען און טרונקען איז דער
קראנקער ר׳ אלעזר צו זיך געקומען, און ווידער
אנגיהויבען צו קומען אין בית המדרש, און זיין ווייב
מיט די קינדער, האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים
צו איהם, — — — — — פאר זיין טויט האט ער
אנגעזוגט די פרוי : — איך וויס. אז די חכמים זיינען
אויף מיר אויפגעבראכט, וועלען זיי מיר נישט טהון
מיין רעכט געהעריג, דריבער זאלסטו מיך בעסער
אוועקלייגען אויפ׳ן אויבערשטיבעל, און האסט זיך
פאר מיר נישט וואס צו שרעקען, — — אין א לאנגע
צייט ארום, נאך ר׳ אלעזר׳ס טויט, — ,

# די באשפונג פון אדם הראשון

וואָרום איז אדם הראשון בעשאפען געוואָרען פרייטאג. דעם זעקסטען טאג? - אין ניט גלייך אום דעם ערשטען טאג? אין מיינונג איז. טאמער וואלט ער זיך גרויסהאלטען. וואלט מען איהם געקענט זאגען: "דער מוק. וואס איז אזא קליינע חיה'לע, איז פריהער פון דיר בעשאפען געווארען, הייסט עס אז די ביסט גאר נינ אזא יחסן" - נאך א מיינונג איז, אז ער זאל גלייך קענען אפאנגען מיט א מצוה, עס הייסט שבת האלטען. ווידער איז דא א מיינונג, אז ער זאל קענען גלייך אנפאנגען, מיט דער שבת'דיגער סעודה, - ר' מאיר זאגט: די ערד פון וועלכע אדם איז בעשאפען געווארן איז געזאמעלט געווארען פון דער גאנצער וועלט. ר' יוחנן בר חנינא זאגט: צוועלף שטונדען האט זיך געצויגען יענער טאג. אין וועלכען אדם איז בעשאפען געווארען, - די ערשטער שטונדע איז געזאמעלט געווארען, די ערד פון וועלכען ער האט געדארפט בעשאפען ווערען, - די צווייטע שטאנדע איז פערטיג געווארען די קערפער, - די דריטע שטאנדע דינען ארויס זיינע גלידער, - די פערטע - איז אין איהם אריין א נשמה, - די פינפטע - האט ער זיך געשטעלט אויף די פוס, - די זעקסטע - האט ער געגעבען נעמען צו אלע לעבענדיגע בעשעפניסען. - די זיבעטע - האט ער בעקומען, חוה'ן פאר א פרוי, - די אכטע - האבען זיי געהאט צוויי קינדער די ניינטע - איז ער פערזאגט געווארען ניט צו עסען פון עץ הדעת, - די צעהנטע - האט ער געזינדיגט די עלפטע - איז ער פער'משפט געווארין. די צוועלפ - איז ער פערטריבען געווארין פון גן עדן - -

ר' יהודה זאגט: - אידער דער אייבעשטער האט בעשאפען אדם-הראשון האט ער צוערשט באשאפען א גרופע מלאכים, און ער האט זיי געפ=רעגט: ווילט איהר, איך זאל בעשאפען א מענשען און אונזער געשטאלט? - האבען די מלאכים געענט=פערט! "רבונו של עולם, זאג אונז, וואס וועט דער מענש טהאן? - ווי וועט ער זיך אויפפיהרען? האט דער אויבערשטער זיי געזוגט, ווי דער מענש וועט זיך אויפפיהרען, האבען די מלאכים געזאגט דעם פסוק. (תהלים, ח) מה אנוש כי תזכרנו). וואס איז דער מענש אז די זאלסט דענקען פון איהם? וואס איז דער זוהן פון ערד, אז זאלסט זיך רעכנען מיט איהם? האט דער כביכול, אנגעצייגט מיט זיין קליינעם פינגער אויף זיי און די מלאכים זיינען פאברענט געווארען.

נאכדעם האט ער בעשאפען א צווייטע גרופע מלאכים, און מיט די פארגעקומען גראדע דאס זעלבע ווי מיט דער ערשטער גרופע, - ווען ער האט בעשאפען די דריטע גרופע, האבען די מלאכים געזאגט: - וואס פאר אן עצה קענען מיר דיר געבען, - אז די פרי=הערדיגע האבען גארנישט אויסגעפיהרט מיט זייערע עצות? - די גאנצע וועלט איז דאך דיינע, - וואס די ווילסט טהאן אויף דיין וועלט דאס קענסטו טהאן, - - ווען דער אייבעשטער האט גענומען אויסרעכענען וואס די מענשען וועלען טהאן,! און ער איז געקומען צום (דור הפלגה, אזוי צום דור המבול), וועלכע זיינען געוועזן זעהר פערדארבען, - האבען די מלא=כים געזאגט: נו. רבונו של עולם, - האבען די פריה=ערדיגע מאלכים ניט געהאט רעכט? - אבער דער אייבעשטער האט זיי געענטפערט מיט א פסוק (ישעיה מו" ועד זקנה אני הוא, ועד שיבה אני אסבול. אני עשיתי ואני אשא, ואני אסבול ואמלט:) און ביז דער עלטער, בין איך דערזעלבער און איך וועל דיר דולדען. - ר' יהודה האט געזאגט. אין נאמען פון רב. ווען אדם איז בעשאפען געווארען איז ער געווען גרויס פון איין עק וועלט. ביז'ן אנדער עק וועלט, אבער נאכדעם ווי ער האט געזינדיגט, האט דער אייבערשטער אויף איהם ארויפגעלייגט זיין האנד, און האט איהם קליין געמאכט, (סנהדרין ל"ח)

## די שטראף פון שר של ים

ר' יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב ווען גאט האט געהאלטען אין בעשאפען, די וועלט, האט ער געזאגט צום שר של ים: עפען אויף דיין דיין מויל און שלינג איין אלע וואסערען פון דער וועלט, - האט דער שר של ים געענטפערט: רבונו של עולם? עס איז מיר גענוג ווען איך וועל קענען אויס=האלטען דאס וואס איך האב שוין. הערענדיג אזא תשובה, האט איהם דער אייבערשטער באשטראפט מיט טויט, (בבא בתרא ע"ד)

# יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי

פאהאנען אַ ג'שיכטע וו"ר' יהושע האט גערה-
אט אין מצרים אַ צוזאמענשטויס מיט זיינעם
אַ תלמוד, ישו. וואס מען זאגט וועגען איהם
אז דאס איז געווען יעזוס; איז דאס אבער
זיכער גשועןאַן אנדערער פון יהושע'ס
תלמידים, וועלעכער האט אפשר
אויך געהייסען ישו, דער גרינדער פון
קריסטענטום; דער צוזאמענשטויס
צווישען יהושע בן פרחיה און זיין תלמוד
ישו, ווערד דער ציילט אויף פאלגענדען
אויפ'ן, ווען יהושע איז געווען אין מצרים
האט איהם אמאל די אייגענטימערען, פון
אַ אכסניא זעהר פיין באהאנדילט; האט
יהושע'ן געלויבט צו זיינע תלמידים זאגענדיג
"ווי שיין זי איז!" – האט איהם יענער תלמוד
מיטן נאמען ישו, אַ זאג געטהון "רבי!
זי איז נישט שעהן, ווען איהרע אויגען זיינען
קיילעכדיג!" האט איהם יהושע געענטפערט
"רשע! מיט אזעלכע זאכען גיסטו
זיך אפ; – און ער האט איהם פון זיך אוועק
געשטויסען; איז דער תלמוד געקומען עטל-
ליכע מאל דעם רבי'ן איבערבעטען, נור
דער רבי האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט
איז ער איינמאל געקומען, ווען דער רבי האט
געהאלטען אין מיט'ן, קריאת שמע, און גראד
דאמאלס האט ער איהם שוין געוואלט מוחל זיין
האט ער אַ מאך געטהון צו איהם מיט דער האנד,
אז ער זאלווארטען, ביז ער וועט האבען גענ-
דיגט קריאת שמע; – האט יענער געמיינט, אז ער
שטויסט איהם ווייטער פון זיך אוועק, איז ער
אוועקגעגאנגען און האט זיך גענומען צו כשוף,
.... – איז דאן דער רבי צו איהם אהיים
געגאנגען זאגען: אז ער איז איהם מוחל,
ווען ער וועט תשובה טהון, – האט דער
תלמוד איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז איז
שוין צו שפעט ..... –

# די הייליקע חלות פון צפת

אין דער אלטער הייליקער שטאט **צפת**,
די שטאט פון גרויסע צדיקים און מקובלים, איז אמאל
געקומען אן אנטלאפענער פון שפאניע און האט געבעטען
- אז מזאל אים, און זיין ווייב, און קינדער, מגייר זיין,
ער האט מיט טרערן אין די אויגען דערציילט אז ער שטאמט
פון די (אנוסים) די מאראנען, וועלכע האבען געלעבט אלס
פארשטעלטע קריסטען, - נאר אין הארצען זיינען זיי געווען
געטרייע אידן, ער געדענקט מער ניט, ווי די צוויי ווערטער
(**שמע ישראל**) וואס זיין טאטע האט אים אמאל
אויסגעלערנט, - ער געדענקט אבער גוט, וואס זיין
טאטע האט אים אנגעזאגט, אז ער, אדער זיינע קינדער
זאלען דעהן צו אנטלויפען פין שפאניע און ווערן אידן
- דער גר האט זיך קוים אויסגעלערנט אביסעל דאווענען,
אבער ער איז געווען א פרימער איד, מיטען גאנצען
הארצען, פאר א מצוה איז ער גרייט געווען מפקיר
צו זיין דעם לעבען, - איינמאל איז ער געזעסען אין
בית-המדרש, און ער הערט ווי דער רב האט אין
דרשה דערצעלט, אז אמאל ווען דער בית המקדש
איז געשטאנען, פלעגט מען אויפען הייליקען שולחן
אוועק לייגען, יעדען, ערב שבת. פאר נאכט. דעם (לחם
הפנים) די היילגע ברויט, (חלות) פאר גאט, די ווערטער
זיינען אריין, אברהם דער גר אין הארצען אריין,
מיילא, דער בית המקדש קען מען שוין ניט אויפבאוען
אבער חלות פאר גאט קען מען דאך ברענגען,
ער האט גלייך ביי זיך באשלאסען אז ער אליין
וועט מקיים זיין די מצוה, פון ברענגען חלות פאר
גאט, אפילו ווען ער זאל חלילה דארפען צונעמען
דעם לעצטען ביסען פון בני-בית: ער איז אוועק
אהיים און געזאגט צו זיין ווייב, פון היינט אן זאלסטו
יעדען פרייטאג, אפבאקען מער מיט צוויי חלות,
די שענסטע צוויי חלות וועל איך אוועקטראגען
אין בית-המדרש אריין — . דאס וועט זיין אונזער
מתנה פאר גאט. ! ... אין יעדען פרייטאג. פלעגט
דער פרומער גר אוועקטראגען, מיט גרויס שמחה
די חלות, זיי אוועקלייגען אויפ'ן טיש. פארען
ארון-קודש, אז קיינער זאל ניט זעהען, —
און ער פלעגט דער ביי מתפלל זיין: —
ליבער גאט! האב הנאה פון אט די צוויי חלות פונקט
ווי די פלעגסט הנאה האבען פון יענע חלות אמאל
אין דיין בית-המקדש! .... דער שמש פון בית-המדרש
האט געפונען די צוויי חלות און געמיינט, אז דאס
ברייגט אים עמיצער פון די צדיקים חלה אויף שבת.
און ער פלעגט מיט גרויס פרייד די חלות צונעמען,
ווען דער גר פלעגט קומען צו קבלת-שבת און זעהען,
אז די חלות זיינען שוין ניטא איז ער געווען אויסער זיך
פון פרייד, וואס גאט נעמט אן זיין מתנה — — — —

מאכט זיך אמאל, אז דער רב איז געקומען אין בית-המדרש
פרייטאג פריער ווי תמיד, און ער שטייט ביי דער גרויסע ספרים
שאפע, אין א ווינקעל פארטראכט! ... פלוצים עפענט זיך די
טיר, און עס קומט אריין אברהם דער גר, גלייך צום ארון-קודש
און פון א טישטעך נעמט ער ארויס, צוויי שיינע חלות, און ער
לייגט זיי אוועק אויפן טיש, און ער הייבט די הענט ארויף,
און זאגט שטיל ארויס זיין תפלה: - אפגעזאגט די תפילות,
לאזט ער זיך צוריק, ארויסצוגיין פון בית-המדרש, שטיל.
שנעל, אזוי אז קיינער זאל אים ניט באמערקען, — —
דעם רב האט דידאזיגע מעשה שטארק פארדראסן:
וואס א גויאישער קאפ' קאן פאלען אויף א געדאנק,
- און ער האט א רוף געטאן פון דעם ווינקעל, ביי דער
ספרים שאפע: - אברהם, קום נאר אהער! זאג מיר
נאר וואס האסטו געטוהן? - מאכט דער ארימער
גר א דערשראקענער, צום רב — רבי, איך האב געהערט
ווי איר האט דערציילט, אז אין בית-המקדש. פלעגט
מען יעדען פרייטאג, ברייגען ברויט פאר גאט,
האב איך באשלאסען צו טוהן דאס זעלבע ביי אונז אין
בית-המדרש, - שוטה איינער! ... בייזערט זיך דער
רב — די מיינסט טאקע, אז גאט עסט דיינע חלות?
דאס איז אן עבירה, ניט קיין מצוה אזוי צו טראכטען! ...
רבי — גאט וועט ניט זיין אויף מיר ברוגז — —
- אזוי ווי די רעדען, קומט אריין דער. שמש און ער
לאזט זיך, צום ארון-קודש. צוצונעמען די חלות.
דער רב, דערזעט אים, און רופט אים צו: — זאג נאר
שמש, נעמסטו צו יעדען פרייטאג, די צוויי חלות
פון טיש דא? - רבי! שוין א שטיק צייט, אז איך
געפין דא אויפ'ן טיש צוויי חלות, דאס ווייזט אויס,
ברייגט אהער איינער פון די צדיקים (צדקה בסתר)
- טיט דער רב זיך א בייזער אין זאגט — די מתנה ביירענגט
ניט קיין צדיק, נאר א שוטה.! אט איז ער. אברהם דער גר,
און צום גר רופט זיך דער.! רב. ניין, די שוטה איינער,
מער זאלסטו אהער קיין חלות נישט ברענגען! —
דער ארימער גר איז אוועק א פארשעמטער , , ,
אויף מארגען, שבת בייטאג, ווען דער רב איז
ארויף אויפ'ן בלעמער צוזאגען זיין דרשה, איז ער
אוועקגעפאלען, אין שוין מער ניט אויפגשטאנען, -
ביי דער לוויה פין רב, איז געווען גאנץ צפת אין —
איך דער גרויסער צדיק, דער אר"י הקדוש, —
ביי הספד אויפ'ן רב האט דער אר"י הקדוש פארגאסען
הייסע טרערן, - אין צוגעריפען, אברהמן, בריינג ווידער
דיינע צוויי חלות, יעדען פרייטאג פארנאכט, אין
בית-המדרש אריין אין יאדן וועלען מיט די מקיים
זיין **שלוש סעודות**. נ' ע' יחיאל הערמאן

תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

# יחידי סגולה

אין מדרש בראשית, ווערט געבראכט,
אז אין די ערשטע זיבען טעג פון דער וועלט באשאפונג,
איז אויף דער וועלט געווען אַ גרויסע ליכטיגקייט. מ'האט
דורך איהר געקענט דורקוקען די גאנצע וועלט. אז גאָט
האט געזעהן אז די דאזיגע ליכטיגקייט איז ניט כדאי פאר
דעם דורכשניטליכען בשר ודם, האט כביכול פארבא=
=האלטען, די דאזיגע ליכטיגקייט פאר (יחידי סגולה
לעתיד לבוא.) — — דורכשניטליכער בשר־ודם. וואס
איז ער דען אויסען — מעהר ווי זיין אייגענעם איך?
און טוען טוט ער עס אויף פארשיידענסטע אופנים,
אַ טייל טוען עס זייער פראסט, אויף אַ חיה'שען אופן,
זייער גאנץ לעבען איז ער פארטאן אין פרעסען,
זויפען און אנדערע קערפערליכע פארגעניגענס,
אלץ פאר זיך. און זיך. דאס איז אַ גאנץ נידעריגע
מַדְרֵגָה, אזעלכער איז פשוט אַ נידעריגער מענש,

ס'איז דא אויך אן אנדערע שטייגער מענש,
וועמעס זעלבסט באפרידיגונג באשטייט, ניט נאר
עסען און אנדערע קערפערליכע פארגעניגענס
— נאר ער האט אַ הנאה פון עטוואס העכערס.
ער איז פאר אינטערסירט אין מענשען וואס גייען
אין גלייכען וועג, (בדרך הישר). און ער העלפט
די מענשהייט, וועלכער גיט אוועק זיין גאנצען, איך,
אט דער קלאס מענשען, ברענגען אריין אבסעל
ליכטיקייט, אין אלע פינסטערע ווינקעלך. אין צובראכענע
היימען, — אבער אפילו די דאזיגע מדרגה, מיינען
אויך־זיך, — דריבער איז זייער מדרגה נאך ניט די
העכסטע, ווייל דער, איך, אדער "דער־זיך",
לאזט זיי ניט ארויף הייבען זיך העכער, — — י'
עס איז אבער דא נאך אַ מדרגה, די סאמע העכס־
־טע שטופע פון אַ מענשליכען דערגרייכונג.
אַ דערגרייכונג, וואס ברענגט, שוין אריין דעם
בשר ודם, אין געטליכקייט. — דאס זיינען די
קדושים. וועלכע זיינען זיך מוסר נפש, פון וואס
זיי דערוארטען ניט קיינע פערזענליכע נוצען, —
זיינען מקריב דעם גאנצען, „זיך" ממש אָהן שָׂכר,
זיי זענען מוסר נפש את נפשם על קידוש השם, —
דאס זיינע געווען אונזערע הייליגע אבות. —
און פר דעם שטייגער מענשען, וועלכע גייען אין
די פוס טריט, פון אברהם אבינו, — דריקט זיך אויס
דער מדרש („כמה גדול כוחו של גמילות") חסדים
ווי גרויס עס איז די פיינקייט, פון די אידישע, בעלי טובות
שאינה חסין לא בצל כנפי ארץ, — ולא בצל כנפי
השמים, אלא בצל מי שאמר והי' העולם,

וואס זיי דערוואטען ניט קיינע פערזענליכע נוצען, — —
נאר פארקערט זיי זענען מקריב דעם גאנצען, "איך". !
אין קדושים מארטירער וועלכע האבען זיך מוסר נפש
על קידוש השם, און ניט אויף געגעבען זייער אמונה, —

## בלוט און טרערען

אט דער חורבן פון אלע קדושים, וואס זיינען
נעבעך אום געקומען מי באש, מי בחרב
מי ברעב, מי בשרפה, מי בחניקה,
ומי בסקילה, וואס זיי האבען געקוקט דעם —
רוצח. אין די אויגען אריין, ימח שמו וזכרם, תמחה
את ארץ דייטשלאנד, מתחת הארץ לעד,
די פען קען נשט ארויס שרייבען, דעם גרויסע
צער, ווען אלע קדושים, זיינען געטריבען געווארען
פון די טרפינה רוצחים, צו דער שחיטה,
אוהן שום, מענשליכען געפיל מיט אַ חיה'שען
מערדישען. ווי אַ טיגער וואס פאר ציקט דאס.
אומשולדיגע לעמעלע ... —

אט די ליכטיקייט וואס כביכול האט באהאלטען
פאר. יחידי. סגולה. אויף לעתיד לבוא. וועט אויך, זיין
די ליכטיקייט פאר אלע קדושים וטהורים
וואס זיינען נעבעך, אומשולדיג אוגעקומען, — —
על קדושת השם פון די היטלערישע
רוצחים, ימח שמם וזכרם, וינקם, נקמת דם מאחינו
בני ישראל. אַשְׁוואַרצֶע פינסטערע
מַפּוֹלָה אויף אלע רוצחים אמן,

אל... המציא מנוחה נכונה ......
במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע
מזהירים את נשמתם שהלכו לעולמם בגן עדן
תהא מנוחתם וינחו על משכבם אמן

יתגדל ויתקדש שמיה רבא ......
יהא שלמא רבא מן שמיא וחיים
עלינו, ועל כל ישראל אמן

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

נעשה ע' ר' יחיאל כ"ץ הערמאן

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

## דער לעצטער אבינו מלכנו

אלע „אבינו מלכנו'ס" ווערען געווערהנליך געזאגט
הויך מיט אַ ברען, קומט מען אבער צום לעצטען
„אבינו מלכנו" ווערד ער שוין געזאגט אין דער שטיל
איז אַ קשיא: פאר וואס? איז דאס אפשר צוליעב דעם
וואס מיר האבען זיך אפגעמוטשעט מיט די אנדערע
„אבינו מלכנו'ס, און מיר זיינען שוין געבליבען אהן
כחות? האט דער דובנא'ר מגיד, אויף דעם געזוגט
אז דאס איז דער-פאר, וואס מיר געפינען זיך ביי אט
דעם לעצטען „אבינו מלכנו" אין דעדזעלבער
לאגע.- וואס אַ קליינער סוחר קומט אמאל אריין
אין אַ גרויס-געשעפט, און ער גיט דארט אַן ארדער
אויף כל-ערליי סחורות. און די משרתים האלטען
אין איין פרעגען: „אפשר נאך עפעס"? ——
און דער סוחר לאזט זיך נישט בעטען און ער שאקילט
כסדר מיט'ן קאפ אויף יאָ --- ערשט ווען אלעס איז
שוין געענדיגט, און מען דערלאנגט דעם רעכנונג
רופט דער סוחר אוועק דעם אייגענטימער אין אַ
ווינקעל און ער רוימט איהם איין אויפ'ן אויער,
אז האט ניט ביי זיך קיין מזומן געלד, דעם
חשבון צו באצאהלען, ער קען אבער געבען
אַ וועקסעלע, די רעכנונג צו דעקען.......
דאס נעמליכע איז אויך מיט אונז, פריהער
שטעלען מיר זיך אוועק, ווי יענער סוחר און
מיר רופען אויס הויך אויפ'ן קול, אנווייזענדיג
אויף די פאליצעס מיט די פערשידענע מיני
סחורות:
„אבינו מלכנו" זיי אזוי פריינדליך
און הייס אונז געבען אט דאס שטיקעלע סחורה
מיט דער סטעמפ פון „חדש עלינו שנה טובה"
„אבינו מלכנו" גיב אונז אַ ביסינקע „גאולה
וישועה"! — „אבינו מלכנו" מיר ווילען אַ פעקיל
„פרנסה וכלכלה"! „אבינו מלכנו"- מיר דארפען
אַ רפואה שלמה לחולי עמך"! —"אבינו מלכנו"
מיר ווילען אַ גרויסע פארציע סליחה ומחילה"
ערשט ווען דער גאנצער ארדער אונזערער איז שוין
פארטיג, לאזען מיר ארונטער דעם קאָפּ און מיר
זאגען „שטילערהייט"! אבינו מלכנו, טאטע גיטראייער
חננו ועננו, האב ניט פאראיבעל;- כי אין בנו
מעשים, מיר האבען נישט קיין מזומן צו באצאהלען
פאר דעם אלעמען, עשה עמנו, צדקה וחסד.
מיזט אונז געבען אויף קרעדיט, מיר קענען דיר
בלויז געבען אַ וועקסעלע אז מיר ווערען זיך. דעם
יאהר סטארען, צו צאהלען דעם חוב וואס
מיר זיינען דיר, שילדיג געבלעבען

## געדאנקען לכבוד יום-כפור

וואס מיר זאגען יעדען טאג צו מעריב: „והסר שטן
מלפנינ ומאחרינו."- האט ר' לוי יצחק, ערקלערט
אז דאס געהט אויף ערב יום-כפור, און פורים, ווייל אין די
דאזיגע צוויי טעג קומט דער שטן מקטרג צו זיין אויף
אידען.- פורים קומט ער מיט דער טענה, וואס אידען
שכור'ן און לאזען זיך פלוצים ווילגעהען.- ווייזט מען
איהם אויף „מלפנינו" אויפ'ן פריהערדיגען טאג, אויף
אסתר תענית, ווען אידען האבען אַ גאנצען טאג
געפאסט,- און אים ערב יום כפור. קומט ער ווייטער
מיט אן עהנליכער טענה, וואס אידען האלטען
אין איין עסען, ווייזט מען עהם. „מאחרינו."
אויף דעם שווערען טאג, וואס ערווארטעט די
אידען אויף צומארגענג.- ! - — —

## ר' לוי יצחק ז"ל

וואס מיר זוגען „על חטא שחטאנו „ביצר הרע"
האט דער בערדיטשעווער געפרעגט: ווי איז פאר-
האנען אַן עברה, וואס קען באגאנגען ווערען אהן
דעם „יצר הרע"? און ער האט אליין די דאזיגע
קשיא פארענטפערט, אז עס זיינען פאראנען חטאים
ביי. וועלכע עס זינדיגט, נישט בלויז דער מענש,
נאר עס זינדיגט אויך דער יצר הרע, דהיינו:
ווען אנשטאט וואס דער, יצר-הרע זאל צוריידען דעם
מענשען צו אן עברה, וועלכעס איז זיין אייגענטליכע
אויפגאבע, נעמט ער זיך גאר איינריידען, אז מען
דארף אַ געוויסע זאך טהון, ווייל עס שטעקט אין איהר
אַ מצוה, באגעהט מיט דעם דער יצר-הרע אליין
אן עברה, ווייל זיין אויפגאבע איז נישט, צו זיין אַ
מעקלער ביי מצוות,- איז אט אויף אזעלכע „עברית"
דארפען מיר זאגען, „על חטא שחטאנו ביצר הרע"
ווייל דאס זיינען עברות, וואר מיר האבען לכתחלה
אנגענומען פאר מצוות, האעך האבען מיד דערביי
געדינדיגט צוזאמען מיט'ן „יצר הרע". —

# שיר השירים, מדרשרבה

## קאפיטעל ב׳, פסוק י״ג.

דרשנ׳ט דער מדרש (וְדִגְלוֹ עָלַי אַהֲבָה),
אז דער פסוק וויל דא זאגען ("ודלוגו עלי אהבה")
וועלכעס מיינט, אז אפילו דאס ארומשפרינגען
פונ׳ם אַ איד, איז דעם אויבערשטען ליעב, - - -
און אן אנדערער וויל זאגען "ולגלונו עלי אהבה",
אז אפילי דאס קינדערשע פלאפלען פונ׳ם אַ איד
איז דעם אויבערשטען ליעב, — — —
האט זיך אמאל געטראפען וואס.א. מתנגד׳שער
רב, איז געקומען צו׳ן אַ חסידישען רבי׳ן,
האט ער דארט געזעהען, ווי די חסידישע
מתפללים לויפען ארום ביים דאווענען אהין
צוריק, ווי אויף אַ יריד, און די ווערטער, וואס
די זאגען, קומען ביי די ארויס צודרעהט. אין
צוקריפעלט, פארדריסט דאס דעם מתנגד׳שען
רב, געהט ער צו עטליכע פון די מתפללים און ער
טהוט צו זיי אַ זאג: — נישט געדאכט זאל ווער׳ן
אזא דאווענען! איהר פארקריפעלט מיט אייער עברי
יעדעס ווארט, און אנשטאט אַ לויב צו השם יתברך,
איז אייער צודרעהטע עברי, פראסטע פשוט אַ
חירוף וגדוף כלפי מעלה!... האט דאס יענער
חסידישער רבי געהערט, און ער האט אַ זאג
געטהון: ווען איך וועל אייך זאגען, אז איהר זענט
נישט גערעכט, — אויפ׳ן פסוק "ודגלו עלי אהבה"
דרשנ׳ט דער מדרש. אז מען דארף זאגען "ודלוגו"
אדער "ולגלוגו" וועלכעס מיינט, אז דער אויבער-
שטער האט ליעב אונזער דאווענען, אפילי ווען מיר
שפרינגען ארים, אדער מיר פלאפלען נישט על פי
דקדוק, — למשל למה הדבר דומה? צו׳ן אַ קינד,
וואס שפרינגט ארום. אדער פלאפלט, און די טאטע-
מאמע קוועלען דערפון, — די גרעסטע חכמים אין דער
עברי קענען אמאל ניט פארשטעהען דאס קינדערשע
לשון, אבער טאטע מאמע פארשטעהען עס, ווען עס
פלאפלט אומפארשטענדליכע ווערטער, — דאס זעלבע
איז ביי אונז אידען, וואס מיר דיינען "בנים למקום",
דעם אויבערשטענ׳ס קינדער, — פארשטעהט, אונז
טאטע אונזער טאטע אין הימעל און ער ווייסט
וואס מיר ווילען...

## דעם קאזשעניצער׳ס טענות צום אויבערשטען

עס ווערד דערצעהלט, אז ווען דער קאזשעניצער מגיד איז
אינ׳ם לעצטען יאהר פון זיין לעבען געשטאנען ביים עמוד צו
"כל נדרי," האט ער, צוקומענדיג צו "ויאמר ה׳ סלחתי כדבריך".
אויפגעהויבען די הענד צום הימעל, אויסצוטענה׳ן זיך מיט׳ן
אויבערשטען און ער האט אזוי געזאגט, רבונו של עולם!
קיינער חוק דיר איז ניט אים שטאנד צו וויסען, ווי גרויס
דיין שטארקייט איז, — און חוץ דיר איז אויך קיינער ניט
אים שטאנד צו וויסען, ווי גרויס מיין שוואכקייט איז,
אז קום וואס די נשמה האלט זיך אין מיר, פון דעסטוו-
וועגען בין איך געשטאנען אַ גאנצען חודש אלול, און
עשרת ימי תשובה ביים עמוד, אין איך האב אויסגעגאס-
ען פאר דיר מיין הארץ אין "תפלה ותחנונים"...
פרעג איך דיך. "רבונו של עולם — האט דער
קאזשעניצער וויטער געזאגט — צי איז דאס יושר,
איך, דער קראנקער ישראל, מיט אזא קראנקען
גוף, ווי איך פארמאג, זאל טראגען אויף זיך דעם
עול, פון כלל ישראל. איך זאל מיך גאנצע טעג דארפען
פייניגען, אין מתפלל זיין צו דיר פאר דיינע קינדער,
—בשעת פאר דיר. וואס מיר זאגען, — —
"לך ה׳ הגדולה והגבורה" זאל חלילה זיין אזא
שווערע זאך, צו זאגען אַט צוויי ווערטער
"סלחתי כדבריך". ? - - - -

זאל אפשר זיין די מניעה דערצו, וואס מיר
האבען היינט ווייניג צדיקים אויף דער וועלט. ? —
האסטו דאך דערפאר אזא צדיק ווי ר׳ מענדעלע
רימאנאווער, — וועלכער איז שקול כנגד כל הצדיק
שבעולם!... זאל אפשר זיין די מניעה, וואס מיר
האבען נישט היינט קיין נביאים? האסטו דאך
דעם לובלינער "חוזה", וועלכער זעהט מיט
דיין נביאיש אויג מסוף העולם ועד סופו, און ער
לייכט אויף דער וועלט ווי דער "אורים ותומים"!...
זאל אפשר זיין די מניעה, וואס עס פעהלען היינט
בעלי-תשובה? בין איך מיט מיין קראנקען
גוף גרייט צו פאסטען תרי״ג תעניתים און תשובה
צו טהון פאר׳ן כלל ישראל!..... ובכן.
רבונו של עולם, בעט איך דיך, לאמיך שוין
הערען, ווי דו וועסט אַ זאג טהון דעם

## סלחתי כדבריך:?...

# מרדכי׳ס גדולה — מדרש אחשורוש — המנ׳ס מפולה

צוזומעלט זיינען די גרעסטע היסטאריקער פון דער
וועלט, ווען עס קומט צו דער געשיכטע פון אחשורוש
אין אסתר, אזוי ווי די קענען נישט גענוי באשטימען די
יאהרען פון דעם דאזיגען געשעהניש, טל׳ דיך די גאנצע
מעשה אפלייקענען, האט אבער אונזער טראדיציע,
יא גענוי באשטימט די צייט פון יענער געשעהניש —
אין דער מדרש, האט עס אויך ווינדערליך אויסגעפוצט
מיט פארשידענע לעגענדעס,

געווען איז עס נאך׳ן טויט, פון כורש מלך פרס,
וועלכער האט ערלויבט, די אידען זיך צוריק צו=
קעהרען, פון בבל קיין ארץ ישראל, איז דאן ארויף
אויפ׳ן טהראן א זוהן, אחשורוש, וועלכער הייסט
ביי די גוים (ארטאקסערקסעס,) איידער ער איז
געווארין קעניג, איז ער געווען א שטאלמייסטער
ביי די פערד פון קעניג אויל מראדך, אין בבל, —
און ווען בבל איז געפאלען פון פערדיש׳ן שווערד,
האט ער ביים פריהערן בעלבאס דיינער צו=
גענומען זיין שעהנע טאכטער, ושתי. און
ער איז אוועק מיט איהר קיין פרס. וואו ער
האט זי געמאכט פאר זיין קעניגען,
מיט דער ערלויבעניש, פון קעניג כורש. האט
מען געהאט אנגעהויבען צוריק דעם חרוב-
געווארנעם בית-המקדש, אויף צו בויען,
און ווען מען האט געהאלטען אין מיטען בויען,
האט אחשורוש, פלוצים פאבאטען צו בויען דעם
בית-המקדש — די קעניגען ושתי, וועלכע האט
געטענה׳ט, ווייל עס גריצילט, איהר אין די
אוירען צו הערען, וואס ער וויל לאזען אויף בויען
אזא הויז וועלכעס איהר זיידע האט חרוב געמאכט
חשורוש האט פלוצלינג חשק באקומען, זיך אוועק
צוזעצען אויף שלמה המלך׳ס קעניגליכען שטוהל,
וועלכער האט געהאט א שם אבער דער וועלט,
האט ער זיך, געהייסען ברענגען די שטוהל אין
זיין פאלאץ אריין, און ווען ער האט אנגעהויבען
ארויף גייען אויף די טרעפ, פונ׳ם שטוהל,
האבען עם די גאלדענע לייבען, און די גאלדענע
אדלערס, געוואלט מזיק זיין, — האט ער זיך קוים
מיט לעבען אפגעראטעוועט, — האבען זיינע
מכשפים פון זיין מלוכה, וועלכע האבען מיט
זייער כשוף געשאפען א שטוהל, מיט די
זעלבע מעלות. וואס שלמה המלך׳ס שטוהל
האט געהאט, — אין דריטען יאהר ווי דער שטול
איז פארטיג געווארען. האט ער געשווירען צו
זיינע מענשען אז ווי לאנג ער וועט לעבען,
וועט ער ניט ערלויבען צריק אויף צו בויען
זייער בית-המקדש; — — —

האט ער געמאכט א סעודה, פאר אלע זיינע מענשען, אין אויך
פאר גאנצען פאלק, פון זיין הויפשטאדט שושן, — —
געווען איז דאס א סעודה, ווי מען האט נאך קיינמאל ניט
געזעהן איהר גלייכען, הינדערט אין אכציג טעג, האט
מען כסדר געגעסען געטרונקען — געהוליעט אין געטאנץ,
אין קעניגליכען שלאס-גארטען, — ווי די שמחה איז
פארגעקומען, איז געווען אזוי אויס געפיצט, ווי די מענ=
שליכע פאנטאזיע קען זיך נישט פארשטעלען, —
צווישען אלע אנדערע איינוואוינער פון שושן האט
אויך איינגעלאדען, אידען, — חאטש אחשורוש
האט זיי ניט געלאזען בויען זייער בית-המקדש,
האט ער פון דעסטוועגען, איז די אלע וועלכע האבען
געוואלט בלייבען אין שושן. ערלויבט זיי צו לייבען
אויסגעמישט צווישען די גוים, — ניט צו דערקענען אז זיי
זיינען אידען, — — אז ווען די אידען, זיינען געקומען
צו אחורוש סעודה, האט מען זיי נישט געהייסען
טרינקען "יין נסך" אדער עסען טרפות, — —
אבער אזוי ווי זיי האבען זיך געפילט, געהויבען,
וואס דער קעניג האט זיי איינגעלאדען, האבען
זיי שוין ניט געקוקט אויפ׳ן איסור פון טרפות. אדער
פון (יין נסך), — ביים טרינקען האט מען זיך באדינט
מיט די כלים פונ׳ם בית-המקדש, — אחשורוש
האט דוקא געוואלט טרינקען, זיין וויין פון יענע —
בעכערס, מיט וועלכע די כהנים פלעגען גיסען
וויין אויפ׳ן מזבח, — צווישען די אידען אין שושן
איז געווען דייעהער א פיהרער מיטען נאמען מרדכי;
וועלכער איז געזעסען ביים טויער פון קעניגליכען
פאלאץ, אז וועלכער איד האט געהאט א משפט
מיט א אנדערען אידען, האט מרדכי אויס געגלייכט
— האט מרדכי די אידען געווארענט זיי זאלען זיך
נישט לאזען ארייינגענארען צו דער קעניגליכער סעודה
— סעאיז פשוט מעשה — שטן — האט ער געטענה׳ט
— חשורוש וויל אייך אראפפירען, פון גלייכען
וועג, איהר זאלט דארטען ביי איהם עסען טרפות
און טרונקען, "יין נסך", דער אייבערשטער זאל אויך
אייך בייז ווערען, — און לאזען מיט אייך, וואס איהם
וועט געפעלען, — און ווען דער גאנצער עולם איז שוין
געווען גוט שכור, ! פון טרינקען וויין האט מען
אנגעהויבען — רײדען וועגען די פראגע וועליכע
פרויען עס זיינען שעהנער, און בעסער, — האט דער
קעניג — א זאג געטוהן ! — וואס ווייסט איהר וועגען
שעהנע פרויען; — — איך האב — א ווייב — איז די
אזוי שעהן אז ווען איהר זאלט די זעהען וועט
איהר אלע פארציטערט ווערין — — לאמיר די
זעהן ! האבען אלע, א געשריי געטהון אין איין
קול — — אבער קומען זאל די נאקעט, מיר זאלען

# פורים
## צעליב אַ ספר תורה

דער מנהג צו באגעגענען אַ הויכע פערזענליכקייט. אין ספעשיל אַ מלך. אדער אַ קינג. מיט אַ ספר תורה, איז שוין זעהר אלט, איינמאל האט אזא ספר תורה שיער ניט, געבראכט צו אַ פאגראם, אויף אידען; - און געענדיגט האט עס מיט אַ נייעם פורים, אין יאהר 1420. אין דער צייט פון (פעטער דעם פערטען), דער קעניג פלעגט קומען אָפט באזוכען. אין די אידישע שטעטליך, פארשטעהט זיך אז די אידען זיינען איהם אנטקעגען געגאנגען מיט אַ ספר תורה - ! - האט זיך אבער דאמאלסט געפינען אַ משומד, אַ געוויסער (מארקוס), וואס האט נאר געזוכט מיטלען, ווי אזוי שלעכטס צו טוהן די אידען, ער האט איבערגעשטיגען די גרעסטע שונאי ישראל, אין איז דריבער געוועזן שטארק פארהאסט, ביי די אידען. - דער ווייל האט זיך קהל, מישב געווען. אז עס איז אביסעל אַ חילול התורה, צו טראגען אַ ספר תורה אזוי אפט, האט מען באשלאסען צו טראגען עפעס אַ ליידיגע זאך, צו געדעקט מיט אַ מנטעלע, ווייל סיי ווי קוקט קיינער ניט אריינטער צו זעהן די ספר תורה,

דער משומד מארקוס, האט פון דעם זיך דערוואסט, און ער האט אנגעקוואלען פון נחת, - וואס ער האט ענדליך די געלעגנהייט צו כאפען די אידען, ביי אזא זאך, ער האט באלד געמסר'ט צום קעניג, אז די אידען שפאטען פון איהם. - און אלעס אַ סימן האט ער אנגעגעבען, אז אנשטאט אַ ספר תורה, טראגען איהם די אידען אנטקעגען אַ ליידיג קעסטעל. - אין מיטען דער פראצעסיע, האט ער געהייסען מאכען אַן אונטערזוכינג. ——

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, די שרעק פון דער אידישער באפעלקערינג, - ווי גרויס איז אבער געווען, דער וואונדער ווען, מען האט אראפגענומען דעם מענטעל, און געפינען אז דער שמש טראגט ווירקליך אַ ספר תורה, - -

דער קעניג איז אריין אין צארען אויפ'ן משומד, און באלד אויפ'ן ארט באפוילען, אז מען זאל דעם משומד-קעפען - די פרייד פון די אידען. איז געווען גרויס; ווייל ערשטינס זיינען זיי געראטעוועט געווארין פון אַ געפאהר, - אין צווייטינס זיינען זיי פטור געווארין פונ'ם משומד, - ! - - -

דער דאזיגער פורים ווערט געפייערט, - דעם 17. טען. אין 18/ טען שבט, - ווי אזוי עס איז געקומען, דער צו, אז דער שמש האט דאך געהאט אַ ספר תורה, - דער ציילם די לעגענדע אזוי

- אין דער נאכט איידער מען איז געגאנגען באגעגענען דעם, קעניג איז - אליהו הנביא - געקומען צו חלום צום שמש, און איהם געווארענט, אז דאס מאל וועט מען רעווידירען צו זעהן אויב די אידען טראגען ווירקליך מיט זיך אַ ספר תורה, - אבער קיינעם וועגען דעם ניט זאגען, כדי דער משומד זאל גאר ניט ויסען, אין כאפען זיין שווארצען סוף - -

## פורים, צעליב אַ געשמדטען שוחט

די אידען פון פערסיען, פון דער שטאט טשיראן, פייערען דעם צווייטען טאג מרחשון אַ פורים, וואס האט הינטער זיך אינטערסאנטע געשיכטע, לויט ווי עס ווערט דערציילט אין דער אידישער פערזישער ליטעראטור, פון 13/ יאהר הינדערט איז פארגעקומען אזוי: דער אבא. אלכאסאן, איז געווען, אין טשיראן שוחט. און קצב, - איינמאל האט מען איהם חושד געווען אז ער פארקויפט פאר ראש השנה טריפה פלייש אלעס כשרע, - דער חשד איז אזא שטארקער. אז כאטש מען האט דעם שוחט געהאלטן פאר אַ פרומען איד, האט מען איהם פארווערט צו זיין שוחט און מען האט אויך פארווערט ביי איהם צו קויפען פלייש, אז דער חשד איז ניט געווען קיין פאלשער, און דער שוחט איז געווען אַ צבוע'ק, קאן מען זעהן דערפון, וואס באלד נאכדעם האט דער זיך גשמד'ט, אין אנגעהויבען דער געהן אידען די יאהרן - אזוי ווי די איינווינער זיינען געווען זעהר פרומע מאכמעדאנער, און קיין גרעסערע זינד ווי צו לעסטערען זייער גלויבען איז ביי זיי ניט געווען, - האט דער גע'שמד'טער שוחט ארויסגעלאזט אַ קלאנג, אז די אידען האבען געשעדיגט דעם מאכמעדאנישען גלויבען, - די מאכמעדאנישע באפעלקערונג איז דערפון געווארען זעהר אויפגערעגט און די שטאט פארשטעהער, האבען ארויסגעלאזט אַ גזרה. אויסצומארדען אלע אידען, - אויב זיי געהען ניט אריבער צו דעם מאכמעדאנישען גלויבען, די אידישע באפעלקערונג האט זיך אינטערגעגעבען אין אלע אידען זיינען געווארען מאכמאדאנער, דערווייל האט דער גע'שמד'טער שוחט, אנגעהויבען באקומען געוויסענסביסע, עס האט ניט גענומען לאנג און ער איז פון קרענקעניש, געשטארבען, אבער פאר זיין טויט האט ער גערופען די שטאט פארשטעהער צו זיך, אין זיי געשווירען אויף דעם טויטען-בעט, אז די אידען זיינען אומשולדיג, אין אז ער האט אויסגעטראכט די גאנצע מעשה, מיט דער לעסטערונג פון מאכמעדאנישען גלויבען, די שטאט פארשטעהער האבען דאן דערלויבט די אידען, צוריקצוקערען זיך צו זייער גלויבען, און זינט דאמאלסט, פייערען די אידען פון טשיראן אַ פורים אין אנדענק פון דער געשעהעניש,

נעשה ע' יחיאל הכהן הערמאן

# אחשורוש

אין נאכדעם ווי דער קעניג האט אסת'רן שטארק ליעב
באקומען, - האט ער זיך דערמאנט, אז המן איז געווען דער
ערשטער, איהם צו ראטען, אז ער זאל ארויסטרעטן שארף
געגען ושת'ן, ווייל זי האט איהם נישט געפאלגט. - -
האט ער געפיהלט א גרויסען דאנק צו המן'ען, און ער האט איהם
געמאכט פאר זיין אייניציגען בעל-יועץ, ער האט אויך
געגעבען א באפעהל, אז אלע קעניגליכע הויף-מענשען
זאלען קניען פאר המן'ען און זאלען זיך צו איהם בוקען,
האבען אלע קעניגליכע, הויף-מענשען געפאלגט, וואס
דער קעניג האט געהייסען, וויפיל מאל אין טאג זיי האבען
המנ'ען געזעהען, האט זיך איטליכער געווארפען פאר
איהם, צו דער ערד און געבויגען אין דרייען. - נור איין
מרדכי האט דאס נישט טהון, ! - די אורזאך דערפון
איז געווען, וואס איידער המן איז אונגעקומען אין שושן
איז ער געווען א שערער, אין א שטעדטעל מיט'ן נאמען
קרצום, - וואו ער האט נישט געהאט קיין פרנסה, ! האט
ער זיך פארקויפט פאר א שקלאף צו מרדכי'ן פאר א
שטיקעל ברויט, אין דערנאך איז המן זייהר רייך געווארען
האט אבער מרדכי געוואלט קיין מאל פאר געסען, אז המן
איז געווען זיין שקלאף, אין מרדכי האט ניט געוואלט
הערען דעם קעניגס באפעהל, - האבען די הויף-לייט מרדכי'ן
געסטראשעט, אז מען וועט דאס דערצעהלען המנ'ען
אין דער קעניג וועט איהם דער פאר באשטראפען, - האט
זיי מרדכי געענטפערט, אז ער טראגט א געטשעקע
אויף זיינע קלעדער, טאר ער זיך נישט בוקען, צו המנ'ען
ווייל ער איז א איד, - און ווען המן האט דאס געהערט,
איז ער זייער בייז געווארען, און ער האט געזאגט: ——
אויב מרדכי קען זיך פאר מיר נישט בוקען, - ווייל ער
איז א איד, - וועלען דאס אלע אידען דארפען באצא-
הלען מיט זייער לעבען. —— המן זעהסטו ——
אדוני קעניג, אזוי מיפעל מור מיטשען זיך ביידע, צו
מאכען געזעצען, פאר דיין פאלק פון דיין מלוכה, —
קענען מיר גאר נישט אויפטהון, - ווי לאנג עס עקסיסטי-
רעט ביי אונז אזא פאלק ווי אידען, וועלכע לעבען
צוזייעט, און צושפרייט אין אלע דיינע פראווינצען,
און זיי ווילען ניט פאלגען דיינע געזעצען, - ווען זיי געהען
אמאל אין א מלחמה אריין, האבען זיי נור אין זינען, זיך
ארויסצודרעהען, מיט כשוף פון יעדער געפאהר, אנדערע
זאלען זיך לאזען הרג'נען פאר זייערטוועגען, און דארף
מען אמאל עטוואס טוהן פאר'ן לאנד, ד - דארף מען
בויען א וועג, אדער מאכען א בריק, האבען זיי באלד
תירוצים פאר זייער נישט וועלען ארבייטען, איין מאל
איז ביי'ד שבת און אן אנאדער מאל איז ביי די יום-טוב,
פאר גרויס וואוילטאג האבען זיי אמאל ווידערשפעניגט
געגען זייער גאט, וועליכער איז שוין סיי ווי אן אלטער

אין ער האט מעהר קיין כח נישט זיי צו העלפען. ——
איז דאן נבוכדנצר געקומען, און ער האט פאברענט
דאס הויז, פון זייער גאט, ארויסגעטריבען זיי פון זייער
לאנד, - אין געבראכט זיי אהער צו אינז, אין ווען המן האט
געזעהן, אז זיינע ווערטער האבען א ווירקונג אויפ'ן קעניג, -
האט ער געזוגט - זעסטו - אדוני-קעניג, - - אז דערפאר,
וואס דאס דאזיגע פאלק טויג נישט, ! ווייל איך דיר זאגען,
אז דו דארפסט עס לאזען פארניכטען, אויסהארגענען, אלע אידען.
די ווייבער מיט די קינדער, - אין טאמער דענקסטו, אז
דאס וועט שעדיגען דיין פערמעגענס, אז די וועסט
פארלירען שטייערצאהלערס, בין איך גרייט —
אריין ארייננצוטאגען, צעהן טויזענט צענטען זילבער
אין דיין שאצקאמער וואס באטרעפט פיעל מעהר
ווי זייער שטייערען." - האט איהם דער קעניג אויף
דעם געענטפערט, אז ער שענקט איהם דאס זילבער
- און מיט יענעם פאלק מעג ער טהון, וואס געפעלט -

אין ווען המן איז ארויסגעגאנגען, פון קעניגליכען הויף,
ער באגעגענט, מרדכי'ן וועלכער האט דאן גערעדט
מיט דריי קינדער, וואס זיינען גראד דעמאלט ארויס
געקומען פון בית-המדרש. ✡ — און ער האט זיי
געפרעגט, וואס פאר א פסוק יעדער פון זיי היינט געלערנט
האט איהם דער ערשטער געזאגט דעם פסוק, ——
זאלסט קיין מורא ניט האבען, פאר א פלוצים'דיגען
פחד, גלייך ווי פאר'ן אומגליק פון די רשעים, - - -
האט איהם דער צווייטער געזוגט זיין פסוק, איהר
מעגט זיך האבען, וואסערע עצה איהר ווילט, וועט
זי צושטערט ווערען. - - האט דער דריטער געזוגט
זיין פסוק: איהר מעגט זיך זאגען, וואס איהר ווילט,
וועט עס ניט האבען קיין האפט, ווייל גאט איז מיט אינז.
- און ווי מרדכי האט דאס דערהערט, האט ער זיך
שטארק דערפרעהט, האט איהם המן געפרעגט:
" וואס איז מיט דיר אזוינס די שמחה ?" האט
איהם מרדכי געענטפערט: „אט האבען מיר די
דאזיגע דריי קינדער געבראכט א טרייסט, -
איך זאל קיין מורא נישט האבען פאר אלערליי
שלעכטע עצות געגען אידען, - ווייל גאט איז
מיט אונז, און די שונאים וועלען אונז גאר ניט
קענען טהון !" - - און ווען המן האט ארויסגעשיקט
זיינע בריעף, אז מען זאל אלע אידען אויס'הארגענען,
איז מען אויבען אין הימעל געווען איינפארשטאנדען
מיט איהם, ווייל די אידען האבען זיך געלאזט פארפי-
הרען, צו עסען און צו טרינקען ביי אחשורוש'ן
אויף דער סעודה, איז דאן דער (שטן מקטרג)
ארויף געקומען צום אויבערשטען מיט דער טענה, -

זעה אויף דער צווייטער זייט פון אחשורוש

# אחשורוש

באווינדערען איהר שעהנקייט, האט דער ארויס ארויסגשיקט
זיבען דינער דיינע, צו ברענגען די קעניגען - ושתי - אזא
פאזיציע וואס דער עולם פארלאנגט, האט אבער די קעניגען
נישט געוואלט קומען - אין ווען דער קעניג האט געשיקט זי
פרעגען, פאר וואס זי וויל ניט פאלגען דעם קעניגס באפעהל,
האט זי איהם געהייסען ענטפערען, אז ווען ער איז שכור, זאל
ער זיך לייג שלאפען, - ער וואלט אויך געמגט האבען מעהר
שכל, און פערשטעהען ווי שלעכט דאס איז פאר איהם וואס
ער פארלאגט, - - האט זיך אחשורוש ניט געוואלט צו
הערען צו קיין שום ארגומענט, און ער איז באשטאנען
אויף זיין באפעהל, - אנזאגענדיג זיינע דינער די זאלען
- ושתין, געבען צו פערשטעהן, טאמער וועט זי
ווייטער ניט וועלען הארכען, - שפילט זי מיט איהר
לעבען, - - האט ושתי געשיקט נאך אַ שארפערע
תשובה צום קעניג - זאל ער ניט פארגעסען - האט די
געזאגט - אז איך בין די טאכטער פון קעניג אויל מרדך
אין אחשורוש איז בלויז געווען אַ שטאלמייסטער ביי
מיין פאטער, אין טאמער איז ער דאמאלס געווען
צוגעוועהנט צו באשמאצען, דיינע אויגען פון נאקעטע
פרויען דארף ער דאס איצט אלעס קעניג פארגעסן,
אזא שארפע תשובה האט שוין אחשורוש ניט גיקענט
פארטראגען, האט ער צונויפגערופען זיינע ראטגעב-
ערס, די זאלען איהם זאגען, וואס ער זאל איצט טהון,
- האבען די ראטגעבערס, געשוויגען, די האבען מורא
געהאט טאמער וועלין די ראטען וועגען אַ שטראף
פאר די קעניגען, וועט דערנאך דער קעניג חרטה
האבען. אין די וועלען דארפען באצאהלען מיט'ן
לעבען פאר דייער עצה, - איינער פון יענע עצה =
געבער, איז געווען המן בן המדתא, וועלכער האט
נאך דאמאלס געהייסען, (ממוכן), איז ער געווען
אין כַעס אויף דער קעניגען, וויל גלייך ווי אחשורוש
האט געמאכט אַ סעודה, פאר מענער, - - - -
האט אויך ושתי געמאכט אַ סעודה פאר ווייבער, צו
וועלכער זי האט פארבעטען אלע יענע פרויען, וואס
זייערע מענער זיינען געווען פארבעטען צום קעניג,
מיט דער אויסנאהם פון איין פרוי - די פרוי פון המן,
וויל זי האט ניט געהאט קיין חן אין איהרע אויגען, -
האט דאס המנ'ען זעהר פארדראסען אין ער האט ביי זיך
אין הארצען אפגעמאכט, זיך נוקם צו זיין פאר די
דאזיגער חרפה, ! - אין ווען ער האט געזעהן, אז אלע
ראטהגעבער שווייגען, האט ער גענומען דאס ווארט,
און זיין עצה איז געווען, אז דער קעניג זאל ניט
מעהר צו זיך צולאזען די קעניגען, ושתי, און ער
זאל זיך אויסקלויבען אן אנדערע קעניגען, -

ביי דער דאזיגער - עצה - זיינער האט המן געהאט אין
זינען. אז ער האט אַ טאכטער - אין ווען דער קעניג
וועט זיך נעהמען אויסקלייבען א נייע קעניגען, וועט
ער איהם צופירען זיין טאכטער, זי זאל פארנעהמען
ושתי'ס פלאץ, - שפעטער ווען דער קעניג האט
זיך געהאט בארוהיגט, פון זיין כעס, האט זיך
איהם פארבענקט נאך זיין ווייב ושתי, און עס
האט איהם ארומגענומען אַ געפיהל פון חרטה,
וועגען זיין טהאט, - האבען איהם די מענשען
זיינע געגעבען אַן עצה, ער זאל זיך הייסען
אויסזוכען אן אנדערע פרוי, - - האט מען דאן
צונויפגעבראכט, אלע שענע מיידלעך פון'ם גאנצען
לאנד - און אסתר, אַ קוזינע פון מרדכי, איז
אויסגעקליבען געווארען אלעס די שענסטע צווישען
אלע פרויען פון פרס ומדי, - האט זי קעניג אשורוש
געהייראטה און ער האט איהר אנגעטהון די גאלדענע
קעניגלעכע קרוין, ! - - - אט די אסתר איז
געווען אויפעגעצויגען ביי איהר, קאזין מרדכי.
וועלכער האט די אריינגענומען צו זיך אין הויז.
נאכדעם ווי עלטערען זיינען אפגעשטארבען, -
אין ווען אסתר איז אריינגענומען געווארין אין קעניגליכען
האט די זיך ניט געלאזט דערקענען. ווער די איז.
און פון וואס פאר אַ פאלק זי קומט ארויס, מרדכי
האט איהר נישט גיהסען אויסזאגען, אז זי איז
אַ אידישע - - אין וואס ער האט געזאט, האט זי געפאלגט
דער וויל איז אין קעניגליכען פאלאץ, פארגעקומען,
אַ געשעהניש, צוליעב וועלכען אסתר האט איינמאל
דערמאנט מרדכי'ס נאמען, - ו - צוויי באדינטע,
פון אחשורוש האבען געהאט צווישען זיך אפגירעט
דעם קעניג צו פארגיפטען, - האט דאס מרדכי גראד
געהערט, די האבען, גערעדט צווישען זיך אַ שפראך
אין די האבען ניט געוויסט, אז מרדכי פארשטייט די
- האבען די זיך נישט געהיט, צו ריידען וועגען
דייער פלאן, און זיין אנוועזענהייט, - האט מרדכי
צו וויסען געגעבען וועגען דעם אסתרן, אין די האט
דאס דערצעלט דעם קעניג, אין דאן האט מען
די זאך אונטערזוכט געווארין און מען האט אויך
אויסגעפונען, אז עס איז אזוי, ווי מרדכי האט
געזאגט, האט מען די צוויי פארשוינען אויפגעהאנגען
- - אין די גאנצע מעשה איז אין די ביכער
פארשריבען געווארען, - ! " -

# ברוך מרדכי — אחשורוש — ארור המן היטלער

ווי לאנג נאך ווערסטו זיך האלטען מיט דעם ווידערשפעניגען פאלק, וואס טהוט קיינמאל ניט דיין ווילען. און דעך אפילו נישט וועגען תשובה טהון? האט דער אויבעשטער אויף דעם אַ פרעגטון, טא וואס זאל איך מיט מיין תורה? - האט עיהם דער (שטן) געזאגט: ! ווערסט זיך דארפען באנוגענען מיט די הימעלישע קינדער דיינע !" - איז דער אויבערשטער געווארען אין כעס. אין גאט האט געזוגט צום שטן, „ברענג מיר אַ פאפיר, וועל איך אויף דעם שרייבען דאס פארניכטונגס אורטייל.!" האט איז דער שטן שנעל געלאפען ברענגען דאס פאפיר, און דער אויבערשטער האט אויף איהם אנגעשריבען דיין אורטייל, - האט דאס די תורה דערזעהן, האט דיך זיך אנגעטהון אין שווארצען ווי אַן אלמנה אין זי האט באשאטען איהר קאפ מיט אַש, - זי האט אויך אנגעהויבען יעמערליך וויינען אין שרייען צום אויבערשטען, - ער זאל רחמנות האבען אויף זיין פאלק ישראל,

און די מלאכים האבען געזעהן אז די תורה שטעהט און וויינט, האבען זיי מיט איהר מיט געוויינט און זיי האבען געזאגט צום אויבערשטען, - אויב די געהסט לאזען אויסהרגענען דיינע אידען, טאַ צו וואס וועלען מיר טויגען? - און ווען די זון, אין די לבנה האבען דאס דערהערט האבען זיי באהאלטען זייער ליכט, האט זיך האט באדעקט מיט פינסטערניש, וואלקענעס, אין די לבנה, דיינען אריין געקראכען אין אַ זאק, - איז דאן אליהו הנביא געקומען צו לויפען צו די אבות, צו משה רבני, - און האט צו זיי געשריגען: ווי קענט איהר אזוי רוהיג ליגען אין אייערע קברים, אין איהר ווערד ניט אויפגעציטערט וועגען דער צרה, אין וועלען עס געפינען זיך אייערע קינדער? טהוט אַ קוק וועט איהר זעהען, ווי די מלאכי השרת וויינען ביטער, - ווי די זון, און די לבנה האבען זיך באהאלטען זייער ליכט פון די מענשען! - האבען די אבות געפרעגט: פאר וואס קומט דען אונזערע קינדער אזא הארטע שטראף? האט זיי אליהו געענטפערט: ווייל זיי האבען געגעסען פון אחשורש סעודה, איז דערפאר ארויסגעגאנגען אויף זיי אזא גזרה, אפצומעקען זיי פון דער וועלט, ! אויב זיי האבען, עובר געווען אויפ'ן אויבערשטען געזעצע, אין די גזרה געגען זיי איז פער'חתמ'ט, טא וואס קענען מיר טהון? - האבען די אבות געזאגט, - איז אליהו געלאפען צו משה רבנו און ער האט געזאגט, „משה, ! די טרייער פאסטוך, וויפעל מאל - האסטו זיך איינגעשטעלט פאר דיינע אידען אין די האסט עס נישט צוגעלאזען, ווען דער אויבערשטער האט זיי געוואלט פארניכטען, וואס ווערסטו זאגען צו דער צרה? - האט משה געזאגט: איז דען היינט ניט פאראן קיין איינציגער פרימער איד וואס זאל זיך אוועקשטעלען, בעטען פאר זיי? - האט אליהו געזאגט, עס איז פאהאנען צווישען זיי איינער אַ פרימער מיט'ן נאמען מרדכי, ! - טא גיי אין לאז איהם וויסען, וואס עס געהט איצט פאר, האט משה אויף דעם געזאגט, - - זאל ער זיך אוועקשטעלען פון איין בעטען צו גאט, אין איך וועל בעטען פון מיין זייט, - וועט אינזער ביידע תפילה זיכער האבען אַ ווירקונג, - - -

איז אליהו הנביא געקומען צו מרדכי,! בעת ער איז געזעסען אין האט געלערענט מיט תלמידים, און ער האט מרדכי'ן דערצעהלט וואס עס איז פארגעקומען ביים קעניג אין הויף, - האט מרדכי צוריסען זיינע קליידער, אנגעטהון זיך אַ זאק אין יאמערליך געשריגען, האט מען דאס דערצעהלט אסתר'ן, - האט זי זיך זעהר דערשראקען, אין האט געשיקט פרעגען וואס עס איז אזוינס געשעהן, האט איהר מרדכי געשיקט זאגען, זי זאל זיך דערמאנען דעם חלום, וועלכען ער האט איהר אמאל דערצעהלט, ° ווי צוויי ריזען האבען געהאלטען אַ מלחמה, האט זיך באוויזען אַ קליין מענשעלע, וואס איז שיער, שיער, נישט צוקוועטשט געווארען אינ'ם קאפף פון יענע ריזען, פלוצים אנגעקומען - אַ קליין טייכעל, וועליכעס האט די צוויי - קעמפפענדע ריזען, פארנאנדער געטיילט, - אין דאס קליינע שוואכע מענשעלע איז דורך דעם טייכעל, אפגעראטעוועט געווארען, - ! - ביזטו די איצט דאס קליינע טייכעל וואס דארף פאנאנדער טיילען - די צוויי ריזען, אחשורוש, און המן, אז דאס קליינע מענשעלע, - דאס פאלק ישראל זאל ניט צוקוועטשט ווערין צווישען ביידע, - אויף דעם האט איהם אסתר געלאזט ענטפערין, ער זאל געהען, אויסרופון אַ תענית, פאר דריי טעג, אין דריי פארנעכט, - האט ער די געפרעגט: - ווי קען הייסען פאסטען אים פסח, - וועליכער פאלט אויס מארגען? מוזט מיר מוחל זיין, אלטיטשקער, ווען איך וויל דיך לערנען, און דיר, זוגען אז די רעדסט אַ נארישקייטען! - אים פסח זאגסטו, טאר מען ניט פאסטען, ? אבער אז עס וועלען נישט זיין קיין אידען אויף דער וועלט, וועט נישט קענען מעהר זיין קיין פסח ::

# משה רבינו מיט זיין שטעקען

ווען משה רבינו איז געקומען אין מדין, און געזעהען ווי די פאסטוכער לאזען ניט יתרו'ס טעכטער שעפען וואסער פון ברונעם, האט ער זיי געהאלפען און באשיצט געגען די אונאנשטענדיגע פאסטוכער, קומענדיג אהיים מיט זייער טשערעדעס, האבען די זיבען טעכטער דערצעהלט זייער פאטער יתרו אלץ וואס עס איז פארגעקומען, און אז איינער וואס זעהט אויס ווי אן עגיפטער האט זיך פאר זיי אנגענומען — — . . . . —

זייענדיג א טאטא פון זיבען טעכטער, איז יתרו'ן אדורך א געדאנק, אפשר וואלט ער געקענט פארשדכנ'ען צו אט דעם עגיפטער איינע פון זיינע טעכטער, — ניט געטראכט קיין סך, האט ער זיי געהייסען לויפען און רופען דעם פרעמדען, — איהם איינלאדען צו עסען, ווייל ער וויל איהם דאנקען פאר זיין שענער טאט, צפורה וועלכע האט זיך פארליבט אין משה'ן, באלד ווי זי האט איהם געזעהען, איז געווען איבערגליקליך פון דעם טאטענ'ס פארשלאג, אין איז געפלויגען ווי א "פויגעל" זוכען משה'ן, און האט איהם געפונען, און משה האט אנגענומען די איינלדונג, — — — ביים טיש האט משה דערצעהלט יתרו'ן אז אליין ער פון מצרים, און פון דארטען אנטלאפען, קיין עטיאפיע ווי ער איז געווען פערציג יאהר קעניג, און זיי האבען איהם מיט גרויס כבוד און פילע מתנות איהם באפרייט פון זיין הויכען אמט. דערהערענדיג דאס, איז יתרו'ן איינעפאלען אפשר איז דאס דער יעניגער וועגען וועמען די (חַרְטֻמִּים) די קליגע פון מצרים, האבען פאראויסגעזאגט, אז ער וועט פארניכטען זייער לאנד, אין די איינוואנער. ···· — האט ער ניט לאנג געטראכט אין פארשפארט משה'ן, אין א גריב, כדי ער זאל אין דער צייט קענען (מודיע) זיין דעם קעניג פון מצרים, —! איז צפורה געפאלען אויף א הַמְצָאָה, און געזאגט צו יתרו'ן: קיין ווייב האסטו ניט, וואלט געווען גוט, ווען מיינע זעכס שוועסטער זאלען פאשען די שאף, אין איך זאל בלייבען אין דער היים און פיהרען דאס הויז; — יתרו'ן איז דער פארשלאג געפעלען געווארען און ער האט צו געשטימט,

די גאנצע צעהן יאהר וואס משה איז געווען פארשפארט אין גרוב, האט צפורה איהם באזארגט מיט אלדאס גוטס — נאך די צעהן יאהר, האט צפורה געזאגט צום פאטער, עס איז שוין צעהן יאהר. ווידער מאן שמאכט אין דעם גרוב. און קיינער קימערט זיך ניט — וועגען איהם, אפשר וועלען מיר צו גיין אין זעהן וואס פון איהם איז געווארען, ?

ניט וויסענדיג פון צפורה'ס האנדלינג געגען משה'ן, האט יתרו געענטפערט: ווי קען א מענש לעבען אזוי לאנג אהן עסען? אבער צפורה האט איהם געענטפערט! ··· דער גאט פון אידען — וואס האט געראטעוועט אברהמ'ן פון קאלך אויווען, און יצחק'ן פון דער עקידה, יעקב'ן פון מלאך, און טאקע דעם דאזיגען משה'ן פון פרעה'ס שווערד, קען איהם אויך ראטעווען פון הינגער, — איז מען געגאנגען צום גרוב, און ווי גרויס איז געווען זייער איבעראשינג ווען די האבען געפונען משה, ווי ער איז געשטאנען און תפלה געטאן צו גאט, ———

יתרו האט באלד איהם באפרייט, אין איהם אריין גענאמען אין הויז — ווען משה האט א שמועס געטאן מיט צפורה'ן וועגען חתונה האבען, האט צפורה איהם געענטפערט אז אין גארטען שטעהט א שטעקען, וועלען קיין מענש קען ניט ארויס רייסען, און ער האט געזאגט, אז נאר דער, וואס וועט קענען באווייזען, וועט קענען חתונה האבען מיט זיין טאכטער, — דער שטעקען איז געגעבען געווארען, צו אדם הראשון, פון איהם צו חנוך'ן, אין פון חנוך צו נח'ן, פון נח צו אברהם'ן, פון אברהם'ן צו יצחק'ן, פון יצחק צו יעקב'ן, פון יעקב'ן צו יוסף'ן, נאך יוסף'ס טויט איז דער שטעקען איבערגעגעבען אין פרעה'ס הויז, ווען יתרו איז געווען איינער פון די ראטגבע פון פרעה, אין האט פארלאזט מצרים, האט ער מיט גענומען דעם שטעקען, אין איהם אריינגעשטעלט אין דער ערד, פון זיין גארטען. איז משה ארויס אין גארטען. אין ארויס גענאמען דעם שטעקען. יתרו האט באלד דערזעהען אז ער האט צו טאן מיט א געטליכען מענשען, יתרו האט געזאגט געלויבט איז גאט. וואס האט דיך אויסגעהיט פון טויט, די צעהן יאהר וואס די ביסט געווען אין גריב, — אין דארך דיר, וועט גאט פארניכטען דאס לאנד מצרים און וועט ארויס פיהרען זיין פאלק פון פארשקלאפינג, און וועט דערטרונקען פרעה'ן, און זיינע ארמייען אין ים — — איצט איז איהם שוין געגאנגען מַמָּשׁ אין לעבען, אז משה זאל ווערען זיין איידעם, ער האט איהם א גרויס רייכטום געגעבען, — אין צפורה איז געווארען משה'ס ווייב ···· די האט איהם געבוירען צוויי זיהן גרשם, און אליעזר, און מיט דעם שטעקען, וואס משה האט ארויסגעריסען אין גארטען. האט ער געטאן אלע וואונדער, און געשפאלטען דעם ים,

## צוויי פרויען

יא אַ קלוגע פרוי בויט אַ הויז, אַ נארישע פרוי צושטערט עס, אזוי האט געזאגט שלמה המלך, אַ ביישפּיעל קען מען זעהן פון קרח'ס פרוי, און די פרוי פון, און בן פלת, ווען די פרוי פון און בן פלת האט זיך דערוויסט אז איהר מאן האט אנגעשלאסען צו דעם בונט, וואס קרח און זיינע לייט האבען געמאכט, האט זי געזאגט צו מאן איהרען,: "וואס איז פאר דיר דער אונטערשייד, אויב משה וועט זיגען און בלייבען דער האַר, וועסטו אלץ זיין בלויז אַ תלמוד, און אויב קרח וועט זיגען וועסטו אויך זיין בלויז אַ תלמוד, "אבער וואס זאל איך טהאן?" האט און בן פלת געענטפערט. אז איך האב זיך שוין אנגשלאסען צו דער פערשווערונג? איך וועל דיר זאגען, מיין מאן, האט די פרוי געזאגט, איך האב אַ פּלאן ווי זיי צו פערטרייבען פון דאנען, קרח אליין זאגט דאך אז אלע אידען זיינען הייליג, וועלען זיי דאך אהער ניט אריינקומען געגען מיין ווילען, די בלייב זיצען אין הויז, און איך וועל דיך רעטען פון זיי, - די פרוי האט איהם אנגעטרונקען מיט וויין, איהם גוט איינגעשיכור'ט און געלייגט שלאפען, נאכדעם האט זי צוווארפען איהרע האאר און זי האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיהר, און יעדער איינער וואס איז צוגעקומען און האט איהר דערזעהן זיצען מיט צוּוואַרפענע האאר, איז ער גלייך אנטלאפען - און אזוי האט זי פערהיט איהר מאן ביז די ערד האט איינגעשלונגען קרחן מיט זיין גאנצע באנדע, - קרח'ס פרוי האט געזאגט צו איהר מאן: זעה וואס משה האט געטהאן, ער אליין איז געווארען אַ גאנצער מלך, זיין ברודער האט ער געמאכט פאר כהן גדול, אַלטאָס זיינע פּלימעניקעס האט ער געמאכט פאר דעם כהן גדול'ס אונטערעס, - אל דאס גוטס, ווי תרומה און מַעשר געהערט צו זיי, - און נאך מעהר, משה האט אייך געהייסען אבגאלען די האָאר פון לייב, כדי איהר זאלט האבען אַ פּנים פון חוזק, פון נאראנים". אבער משה אליין האט דאך אויך אבגעגאלט זיינע גאנצע האאר, האט קרח געענטפערט; וואס פערשטעהסטו ניט? האט די פרוי געזאגט, "ביי משה'ן איז רעכט געווען זיך אליין אבצעגולען די האאר, כדי איהר זאלט זיך אלע אבגאלען - מיר נישט. אין דיר נישט, (סנהדרין קי"ט)

## אַ פרוי'ס,

### אבשעצונג פון איהר מאן

רבי האט געשיקט אַ שליח צו ריידען איהם אַ שדוך מיט דער אלמנה פון רבי אלעזר, האט די אלמנה געענטפערט: "אַ כלי וועלכע איז בענוצט געווארען פאר הייליגע זאכען, טאר מען ניט בענוצען פאר זאכען וואס זיינען וואכעדיג", - מיט דעם האט זי געמיינט צו זאגען, אז טראץ דעם וואס רבי איז געווען אזוי גרויס, - איז ער נאך ניט געקומען צו די גרויסקייט פון איהר מאן, רבי, האט אבער דעם שדוך ניט אבגעלאזען אזוי גיך, און האט צו איהר ווידער געשיקט דעם שליח מיט די ווערטער:

מעגליך אז אין תורה איז ער געווען גרעסער פון מיר, אבער אין מעשים טובים ווער איז גרעסער? — — האט די אלמנה געשיקט צוריק זאגען: דאס וואס די זאגסט, אז ער איז געווען גרעסער פון דיר אין תורה ווייס איך ניט, אבער אין מעשים טובים, ווייס איך, אז ער איז געווען גרעסער, ער האט אויף זיך גענומען אזוי פיעל יסורים, — (בבא מציעא פ"ד)

## עוג מלך הבשן'ס מפלה

עוג מלך הבשן האט געוואלט מאכען פון די אידען אַ תל, מיט איין קלאפּ, - ער האט ביי זיך אין הארצען געמאכט אזא רעכנונג: דער אידישער לאַגער פערנעהמט דריי מייל, - וועל איך געהן און אויסייסען אַ בארג פון דריי מייל, די גרויס, וועל דאס ארויפווארפען אויף זיי, - און זיי דערהרג'ענען, איז ער טאקע געגאנגען, האט ארויסגעריסען אַ בארג פון דריי מייל און האט עס זיך ארויפגעלייגט אויפ'ן קאפּ, — האט דער אויבערשטער געשיקט מוראשקעס, און זיי האבען אין דעם געמאכט אַ לאך און דער - געלעכערטער בארג איז ביי איהם געבליבען ליגען אויפ'ן האלז, - ווי אַ קראַגען, ווען ער האט דעם בארג געוואלט ארונטערנעהמען האבען זיך ביי איהם אויסגעצויגען די צייהנער, ! די אין איין זייט. און די אין דער אנדער זייט. און ער האט דעם פון זיך ניט געקענט ארונטערנעהמען, (ברכות נ"ד)

# אונקלוס בר קלונימוס

## הגר

אונקלוס, די געשיכטע פאר צ״ילט, אז ער איז געווען אַ
שוועסטערן זוהן. פון קייזער (הַאדְריאַן), האט ער זיך
מגייר געווען, ווייל די אידישע אמונה, איז איהם שטארק
געפעלען געווארען, - האט ער אבער מורא געהאט פאר
זיין אנקעל (האדריאן). - האט ער איהם אמאל געזאגט,
איך וואלט גערן געוואלט זיך באקענען מיט פערשידע=
=נע מענשען-! איז ער דאַן, אַנקלוס, געגאנגען קיין
ארץ ישראל, - און ער האט זיך אוועקגעזעצט לערנען,
ביי ר׳ אליעזר בן הורקנוס. - און ביי ר׳ יהושע בן חנניה,
אין אַ צייט שפעטער, איז ער געגאנגען זעהען זיין
אנקעל האדריאן, האט איהם דער אנקעל געפרעגט
״וואס איז עפעס דיין פנים, אזוי פארענדערט, —
און עס איז אויף דיר צודערקענען, אז דו
האסט געליטען, עפעס אַ שאדען, - אדער
אפשר האט דיר אַ מענש וועה געטוהן, ? —
האט אונקלוס געזאגט, אַ ניט דאס, און נישט דאס,
— ! איך האב געלערנט די אידישע **תורה**, -
און איך בין געוואען א איד. ! אַ פארציטערטער
האט דאַן האדריאן, געזאגט מיט כעס:
ווער האט דיר דאס געהייסען טוהן ?. און ווען
האדריאן, איז דאן שטארקער צו געשטנען, צו
אנקלוס, ער זאל איהם דאגען די ארזאכע, וואס
פאר וואס ער האט זיך מגייר געווען, - האט איהם
אונקלוס געזאגט, ״ איך האב מיך געוואלט באקענען
מיט דער אידישער, **תורה**, —
האט האדריאן. געזאגט, האסטו דאס געקענט
גאנץ גוט, - אין נישט ווערען קיין איד. ! האט
איהם אונקלוס געזאגט. - אז ווער עס איז נישט קיין
איד. דער קען די אידישע תורה קיינמאל נישט
באגרייפען. — — — —

פארהאן, וועגען דער זעלבער געשיכטע, אַן
אנדערען נוסחאות,, — אז ווען אונקלוס האט זיך
מגייר געווען, האט דער קייזער ארויס געשיקט
עטליכע רוימישע סאלדאטען, איהם צו ברענגען,
קיין רום, ! האט ער אין זיי אריינגערעט מיט
פערשידענע **פסוקים** פון דער תורה. און זיי
האבען זיך אויך מגייר געווען, — האט דאן דער
קייזער געשיקט אנדערע סאלדאטען, אונקלוס׳ן
צו ברענגען, — און ער האט זיי אויך אנגעזאגט,
די זאלען זיך נישט אריינלאזען מיט איהם אין
קיין שמוסען, — און ווען די האבען איהם שוין געהאט
אין דיירע הענד. און די האבען שוין געוואלט געהן,
האט ער צו זיי אַזג געטהון :

לאמיר אייך זאגען איין ווארט ; ביי מענשען איז איינגעפ=
=יהרט אַ מנהג אז ווען, פריצים געהן, טראגט תמיד דער
קלענערער דאס ליכט, פארן גרעסערען, ער זאל זעהן
וויא צו געהן, - אבער מיין גאט איז דער גרעסטער. און
ער טראגט אליין דאס ליכט פאר זיין פאלק, ביי די
מענשען זאלען זעהען ווי צו געהען. — - ! ———
האבען די סאלדאטען געהערט, און די האבען זיך
אויך מגייר געווען, — — האט דער קייזער
ארויס געשיקט אנדערע סאלדאטען צום דריטען
מאהל, און ער האט זיי אָן געזאגט אז זאלען גאר
ניט ריידען, און זיי זאלען זיך ניט צו הערען צו דעם
וואס אונקלוס וועט זיי זאגען, און ווען זיי האבען
אונקלוס, געפירט, האט ער ביים ארויס געהן פון
הויז, ארויפגעלייגט די האנד, אויף דער מזוזה.
אין האט אַ קיש געטוהן, — אין ער האט זיי
געזאגט, — זעהט דעם חלוק צווישען אַ קעניג
אמענש, ! און דעם גרויסען גאט פון ישראל. —
ביי מענשען זיצט דער קעניג אינעווייניג אין
שטוב, - און דרויסען פאר דער טהיר, שטעהען
שומרים, וואס היטען איהם. ! —— און דא זיצען
די מענשען אינעווייניג אין שטוב, אין דער קעניג
שטעהט אין דרויסען אין היט זיי. ! ווי די סאלדאטען
האבען דאס געהערט, האבען זיי זיך אויך מגייר
געווען —— און פון דאמאלס אָן האט שוין דער
קייזער נישט מעהר געשקט קיין סאלדאטען
צו ברענגען אונקלוס׳ן צו איהם. { עבודה זרה. יא

נאך אין אנדער נוסח ווי אזוי אונקלוס האט זיך מגייר
געווען, - אונקלוס, איז געווען אַ שוועסטערן זוהן
טיטוס. (אדער פון קיידער אנדרינוס) האט ער זיך
געוואלט מגייר זיין האט ער גלאזט ארויפברענגען
טיטוס׳ן פון קבר מיט כשוף, און ער האט איהם געפרעגט
וועלכעס פאלק איז דער חשוב׳סטע אויף דער וועלט
האט טיטוס געענפערט, דאס זענען די אידען,
האט איהם אונקלוס געפרעגט, וואס וואלט געווען
ווען איך זאל צו זיי באהעפטען ? האט איהם
טיטוס געזאגט אַ דיירע ווערטער דיינען צו
גרויס, אין עס נישט מעגליך, מען זאל זיי קענען
האלטען. ווילסטו גרויס ווערען, איז ניט פארהאנען
קיין בעסערין מיטעל. ווי צו אונטערדריקען אידען

גיטין - נ״ו

# א מעשה וועגען דעם קבר פון דוד המלך:

איינמאל איז דער קיסר פון ירושלים, פארביי געגאנגען
דעם קבר, פון [redacted] דוד המלך. ווען ער האט זיך
אנגעבויגען א קוק טאן אין דעם הייל פון קבר, איז
זיין שווערד אריינגעפאלען אונווייניג, ער האט געשיקט
זיין באדינער, וועלכער איז מיט אים געגאנגען, אז ער
זאל זיך אראפלאזען מיט א שטריק. אין הייל אריין
אין געפונען זיי שווערד, נאכדעם ווי מיהאט געווארט
א שטיקעל צייט; - אין קיינער האט פון איהם קיין
אנטווארט געקראגען, - האט מען אים פון דארט
ארויסגעצויגען א טויטען, דער קיסר האט געשיקט
א צווייטען באדינער ארויסצונעמען די שווערד, אבער
אויך ער איז ארויסגעצויגען געווארען א טויטער. - אין אזוי
האט פאסירט מיט אלע באדינער וואס דיינען אראפגע=
=שיקט געווארין אין דער הייל. ! איז דער קעניג געווארין
שטארק אויפגעבראכט, און ער האט געזגט צום
(שופט) פון שטאט, אז ער מוז האבען זיין שווערד
צוריק, אפילו ווען ער זאל דארפין פארלירען אלע
מענשען פון ירושלים, וויל די איז אים זייער טייער,
דאס איז א ירושה פון זיין טאטען - וואס ער האט עס
געקראגען פון זיין זיידען. - דער כיטרער שופט
האט זיך געווענדעט צום קעניג אין געזאט צו אים; -
אומזיסט ווילסטו אומברענגען אט די אלע מענשען
פון שטאט. וועלכע דיינען פון דיין גלויבען. ווען די
ווילסט מיך פאלגען, האב איך פאר אן עצה, שיק
רופען צו דיר דעם רב, פון די אידען וועלכער הייסט
"חכם באשא" און גיב אים א באפעל. אז ער זאל
זעהן, מען זאל דיר ברענגען צוריק דיין שווערד, וואס
עס געפינט זיך אין קבר, פון דוד המלך: - אויב ניט, וועסטו
ארויס געבען א גזרה, צו פארניכטען אלע יאידען פון
ירושלים ! ..... דעם שופט'ס עצה איז זעהר געפעלען
געווארען דעם קעניג, ער האט געשיקט רופען צו זיך
דעם חכם באשא, און האט אים באפוילען צו ברע=
=נגען דיין שווערד, פון דער הייל, אויב ניט וועט ער
פארניכטען אלע אידען פון שטאט, דער חכם באשא
איז פארציטערט געווארין, פון דער שרעקליכער
גזרה, - און ער האט געבעטען דעם קעניג ער זאל אים
געבען דריי טעג צייט, - דער רב האט פאררופען
אן אסיפה פון אלע אידען אין שטאט, ער האט
זיי דער ציילט די גזרה, פון קעניג אין ער האט
געהייסען אז אלע אידען זאלען פאסטען, דריי טעג,
די אידען האבען אזוי געטאן, ! אין אויך געגאנגען,
אויף מוטער רחל'ס קבר, בעטען, די זאל זיי העלפען
אין אן עת צרה. - אויפן פערטען טאג אין דער פרי
האט דער ווידער צונויפגערופען אלע אידען אין
שוהל, אריין, און זיי געפרעגט: ווער עס וויל
איינשטעלען, זיין לעבען און זיך אראפלאזען אין
הייל פון דוד המלך, ארויס נעמען די שווערד פון קינע(ג)

נען אלע פארזאמעלטע האבען געשוויגען, אין קיינער
האט ניט געגעבען קיין ענטפער, דער רב האט דאן
געזאגט, מען זאל ווארפען גורל אין אויף וועמען
דער גורל וועט פאלען, דער וועט מוזען זיך מוסר
נפש זיין פאר דער גאנצער עדה, ! דער איז געפ=
=אלען אויף דעם שמש פון שוהל, - און ער האט
ערקלערט, אז ער איז גרייט צו באצאלען מיט זיין
לעבען פאר'ן כלל ישרואל, ...
ער איז פריער געגאנגען זיך טובל זיין - אין דערנאך
איז ער אוועק צו דער הייל פונ'ם קבר פון דוד המלך:
וואו אלע האבען שוין געווארט. ! דער קעניג מיט
זיינע זעלנער באוואפענט מיט כלי־זיין, - מען האט
אראפגעלאזט דעם שמש אין הייל, מיט שטריק
און אלע האבען געווארט מיט אומגעדולט וואס עס וועט
דא פאסירען.... און ווי ערשטוינט דיינען אלע געווארען
ווען עם האט זיך דערהערט א שטיל קול פון שמש,
אין דער הייל, וועלכער בעט, אז מען זאל אים
ארויסציען פון דארטען, ווייל ער האט שוין געפונען
די שווערד, ! מען האט שנעל ארויסגענומען דעם
שמש פון הייל, זיין פנים איז געווען בלאס, ער האט
אויסגעזען ווי א טויטער און אין זיין האנט האט ער
געהאלטען די שווערד, - אלע פארזאמעלטע האבען
זיך זעהר געוואנדערט אויף דעם גרויסען, נס.
וואס איז געשען מיטן אידען, אין פון דאמאלט אן
האט דער קעניג, אפגעגעבען גרויס כבוד דעם, חכם
באשא, און אלע אידען, - די אידען געפראוועט
א גרויסע שמחה לכבוד דעם נס, וואס גאט האט מיט
זיי געטואן, - דעם שמש האט מען געגעבען א סך מתנות
- אין איהם געבעטען. ער זאל זיי דערציילען וואס ער
האט געזען דארטען, אין הייל פין דוד המלך'ס קבר,
אבער ער האט געשוויגען, אין ניט געוואלט דערצעלין
קיינעם, בלויז דעם חכם באשא, האט ער בסוד דער=
=ציילט, אז ווען ער איז געווען אין דער הייל, האט פאר
אים אין דער פינסטערניש פלוצלונג ערשיינען אן
אלטער מאן מיט א קרוין אויפ'ן קאפ און האט
איהם דערלאנגט די שווערד



# ר' נתן הבבלי

אין דער צייט וואס
ווען ר' שמעון בן גמליאל דער צווייטער, איז געווען
"נשיא" אין ארץ ישראל, איז אהין געקומען וווינען ר' נתן
"הבבלי", וועלכער איז באלד, ביי זיין אנקומען געווארן,
"אב בית דין" ביי די סנהדרין; — ר' נתן איז געווען א זאהן
פונ'ם (ריש גלותא) אין בבל; — ווען דער פסוק זאגט,
א פרעמדען זאלסטו ניט קריוודען. און איהם ניט דריקען
— וייל פרעמד זייט איהר אליין געווען אין מצרים, —
(שמות כ"ב), זאגט אויף דעם ר' נתן: דיין אייגענעם פעלער
טארסטו קיין מאהל ניט זאגען צו דיין חבר! (בבא מציעא
נ"ט), ביי דער מנורה האבען די ליכטליך געדארפט זיין
דריי פון איין זייט, און דריי פון דער אנדערע זייט
צוגעבויגען צום מיטעלסטען ליכטעל — לערנט
דאס אונז, אז דער מיטעלסטער איז געווענליך
דער מערסטען חשוב'ער (מנחות צ"ח) ——
ר' נתן איז געווען א געגנער פו נדרים, און ער האט
געזוגט: איבער די עברה, וואס א מענש טוהט, א
נדר, און ער קען איהם ניט האלטען, — שטאבסט
(רח"ל) דעם מענשיענס וייב (שבת ל"ד)! ווער עס נעמט
שוחד, צו פערדרייען דאס רעכט, דער וועט ניט אוועק
פון דער וועלט, ווי לאנג עס וועט ניט מיט איהם
פאסירען, איינס פון די פאלגענדע דריי געשעהענישען
= ער וועט משוגע ווערען; — אדער ער וועט מודען
אנקומען צו מענשענס גאב, אדער דאס ליכט
פון זיינע אויגען וועט פאר-מינערט ווערען — —
מעהר אונטערסאנט איז, איין אויסשפרוך פון ר' נתן
אין וועלכען עס, שפיגעלט זיך אפ א בילד פון יענער
צייט, — א גוטער סימן פאר א מענשען איז —, האט
ער דאן געזוגט — ווען ער קריגט זיין שטראף באלד
נאך זיין טויט, ! — ווען ער ווערט ניט באקלאגט,
אדער ער ווערט ניט באגראבען. אין חיה פרעסט
אויף זיין פלייש, ! — אט דאס אלעס א סימן, פארען
טויט, אז ער האט שוין געקראגען די שטראף באלד
נאכ'ן טויט, (סנהדרין מ"ז) — ווי באמערקט האט ר' נתן
ארומגערייזט איבער פערשידענע לענדער,
און דענסמאהל האט ער געמאכט זיינע רייזע
וועגען די טבע, פון די פערשידענע פעלקער, וועלכע
ער האט אויף פאלגענדען אופ'ן באגריינדעט,

(א) צעהן חלקים, זנות, געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דער פון פארמאגט אלעקסאנדערע, און איין חלק איז פארהנען אין אלע אנדערע לענדער

(ב) צעהן חלקים עשירות געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט. ניין חלקים פאר מאגט רום. און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער

(ג) צעהן חלקים ארימקייט, געפינט זיך אויף דער גאצער וועלט. ניין חלקים אין לוד, איין חלק אין אלע לענדער.

(ד) צעהן חלקים כישף, געפינט אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים מצרים, איין חלק אין אלע לענדער

(ה) צעהן חלקים, טפשות, געפינט זיך אויף דער גאצער וועלט. ניין חלקים ביי ישמעאלים, איין חלק אויף דער וועלט

(ו) צעהן חלקים אומפלויט, געפינט זיך אויף דער וועלט ניין חלקים, ביי די פרסיים, איין חלק אויף דער וועלט

(ז) צעהן חלקים שיינהייט, געפינט דיך אויף דער וועלט ניין, חלקים ירושלים, איין חלק אויף דער וועלט

(ח) צעהן חלקים כח, געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט ונ'ין, חלקים אין בכשדים, איין חלק איף דער וועלט

(ט) צעהן חלקים מיסקייט געפינט דיך אויף דער וועלט ניין. חלקים אין מזרח, איינער אויף דער גאנצער וועלט

(י) צעהן חלקים תורה, געפינט זיך אויף דער וועלט ניין חלקים אין ארץ ישראל אין חלק אוי דער וועלט

(יא) צעהן חלקים, חכמה, געפינט דיך אויף דער גאנצער וועלט ניין. חלקים. אין ארץ ישראל, איינער אויף דער גאנצע

ביי אן אנדערער געלעגענהייט, האט ר' נתן געזאגט דעם ענין, אויף א אנאנדער אופ'ן, — עס איז פא פאראנען, קיין גרעסערע ליעבו ווי די ליבע פון דער תורה. — —

ניט פאראנען, קיין גרעסערע חכמה, ווי די חכמה פון ארץ ישראל, — — —

ניט פארהאנען קיין אנדערע שעהנקייט, ווי די שעהנקייט פון ירושלים, — — — —

ניט פארהאנען קיין גרעסערע רייכקייט, ווי די רייכקייט פון רום, ניט פארהאנען קיין גרעסערע גבורה, ווי פון יהודה'ס גבורה

ניט פארהנען קיין גרעסערע, זנות. ווי די זנות פון אראבער

צעהן חלקים כנים. ניין חלקים, די פרסיים
ניט פארהאנען קיין גרעסער כישף ווי אין מצרים
צעהן חלקים רייד. ניין די וויבער, איינע ד גאנצע וועלט
(מדרש רבה, אסתר א' פרשה ~~קד~~ קידושין מ"ט)

# קריעת ים סוף

## ר' יוסי הגלילי

שילדערנדיג די מעשה...
פון קריעת ים סוף' האט ר' יוסי
גזוגט אז ווען די אידען זיינען אריינגש'
פרונגען אין ים, איידער דער ים האט זיך
פאר זיי געשפאלטען, איז דער בארג מוריה,
ארויסגריסען געווארען פון זיין ארט. און דער מזבח
פון יצחק'ס עקדה איז געקומען צו לויפען צום ים
איז דאן געווען צו זעהען, ווי יצחק ליגט א געבונדענער
אין אברהם שטעהט איבער איהם מיט'ן שלאכט-
מעסער. -- האט זיך דער ים ערשט געשפאלטען.
און ווען די אידען זיינען ארויסגעקומען אויף דער
אנדער זייט ים, -- און זיי האבען אנגעהויבען צו
זאגען שירה, האבען די קינדער ביי די מוטערס
אויף די הענד, ארויסגעדרעהט די העלזלעך צום
הימעל און מיטגעזונגען, -- און די זויגענדיגע קינדער
האבען נאכגעלאזען די בריסט ביי זייערע מוטערס
און געזונגען,

## ר' יוסי'ס הגלילי'ס פרימקייט

מאנכע שילדערונגען פון די היסטארישע געשעהע-
נישען ביי יציאת מצרים, האט ר' יוסי הגלילי, געזוגט
ביי זיין דרשה, אויפ'ן פסוק, תהלים, (סח) לָמָּה
תְּרַצְּדוּן הָרִים גַּבְנֻנִּים וכו', אז ווען דער אויבערשטער
איז געקומען צו געבען די תורה אויפ'ן בארג סני,
זיינען די אנדערע בערג, ארומגעשפרונגען ווי צודילטע,
-איטלעכער פון זיי האבען געהאט טענות, איינער
צום צווייטען, און יעדער האט געזאגט אז נור איהם
קומט דער כבוד, דער אויבערשטער זאל אויף איהם
געבען די תורה צו די אידען

ר' יוסי פרימסטער מאן אין זיי צייט,
וועגען וועלכען עס איז געווען פארשפרייט, די
מיינונג, אז ווען עס וואלט אמאל אין זיין צייט
ארויסגעבראכען א טריקעניס, און ער וואלט זיך
אוועקגעשטעלט בעטען, אויף רעגען, וואלט ער
זיכערליך באלד געפוילט, ביים אויבערשטען, וואס
ער האט געוואלט, -- כאראקטעריסטיש פאר ר' יוס'ן
איז, וואס ער איז געווען אומגליקליך אין זיין
פאמיליען לעבען, די פרוי זיינע, איז געווען
זעהר א שלעכטע, פלעגט זי איהם אנטהון
גרויסע בושות, און געגענווארט פון זיינע תלמידים
פלעגען זיינע תלמידים טענה'ן, ער זאל איהר
געבען א גט, האט ער זיי אויף דעם תמיד
געענטפערט, אז ער קען דאס נישט טהון

ווייל זי האט א גרויסע (כתובה)
אין אזוי פיל געלד ווי איהר כתובה
באטרעפט האט ער ניט, -- איינמאל איז
ר' יוסי אהיים געקומען פונ'ס בית-המדרש,
אין באגלייטונג פון זיין תלמוד ר' אלעזר בן עזריה
האט זיך די פרוי אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהם, און ווען
ר' יוסי האט זי געפרעגט צו זי האט אנגעגרייט עטוואס
צו עסען, האט זי געענטפערט, מיט כעס, דארט אין
טעפעל איז דא א ביסעל געקאכטע גראז !. האט
ר' יוסי, אויפגעדעקט דאס טעפעל, איז געשען א נס,
אין דעם טעפעל איז געווען פלייש פון געשטאפטע
היהנער, האבען זיך ביידע אוועקגעזעצט עסען,
האט ר' אלעזר געזאגט, פאר וואס זאל זי דיך אזוי
באליגנרען ?, האט ר' יוסי אויף דעם געענפערט,
ס'איז אוודאי געשען א נס, מיטען געקעכטס !--
נאכדעם עסען האט ר' אלעזר בן עזריה געזאגט, רבי !
שיק אוועק די דאזיגע פרוי פון דיין הויז, זי פארשטייט
ניט אפצושאצען דיין ווערדע ! האט ר' יוסי געזאגט
קיין געלט פאר די כתובה האב איך ניט, האט ר' עלעזר
געזאגט, מיר און דיינע תלמידים, וועלען אויסצולען
דאס געלד פון דער כתובה, און שיק זי אוועק, האט
דאן ר' יוסי געטהון, וואס זיינע תלמידים האבען
געזאגט, שפעטער האט די פרוי חתונה געהאט, מיט'ן
נאכט-וועכטער, פון דער שטאדט, א גרויסער ארימאן
און איז בלינד געווארען, האט ער דאן נישט געקנט
מעהר זיין קיין וועכטער, פלעגט איהם דאס וויב
פיהרען איבער די הייזער פון שטאדט קליבען נדבות
אויף צום לעבען, -- ווען די פרוי פלעגט קומען צו דער הויז
ווי ר' יוסי האט געוואוינט, פלעגט זי ניט וועלען דארט
גיין, האט דער מאן זי געפרעגט, פאר וואס זי פיהרט
איהם ניט, אין דער גאס פון ר' יוסי הגלילי, אין ער איז
א גרויסער בעל צדקה, האט זי איהם געזאגט
איך בין זיינע א גרושה, קען איך ניט געהן צו זיין
הויז בעטלען !, איין טאג זיינען ארומגעגאנגען אין
איבער אלע גאסען, גאר ניט געמאכט, איז שוין די
פרוי געגאנגען אין דער גאס ווי ר' יוסי האט געוואוינט, --
האט זי אבער אדארך געלאזען ר' יוס'ס הויז, האט דער
בלינדער דערפילט, האט ער זי געשלאגען מיט
זיין שטעקען, האט ר' יוסי דערהערט איהר געשריי,
און ער איז, געוואהר געווארען וואס עס איז געשעהן
האט ר' יוסי זיי ביידע אריינגענומען אין איינעם
פון זיינע הייזער, און ער האט זיי אויך געגעבען
פרנסה פאר אלע טעג פון זייער לעבען
זע בר'שית רבה פ' יז' פיסקה ג'

# מען איז מְכַבֵּד דוד המלך
# מיט'ן בענטשן

## ווען דער אויבערשטער

וועט אויסלעזען די אידען פון גלות וועט ער מאכען אַ סעודה פאר די צדיקים, נאכדעם ווען זיי וועלען פארטיג ווערען, מיט'ן עסען וועט מען געבען דעם כוס של ברכה צו אברהם אבינו, ער זאל בענטשן, וועט ער צו זיי זאגען: איך בין ניט ווערטה איך זאל מאכען די ברכה, ווייל פון מיר איז ארויסגעקומען ישמעאל, וועט מען דעם כוס דערלאנגען צו יצחק'ען, וועט ער זאגען: איך בין אויך ניט ווערט, איך זאל די ברכה מאכען, ווייל פון מיר איז ארויס עשו! וועט מען דעם כוס געבען צו יעקב'ען, וועט ער זאגען:, איך קען ניט מאכען די ברכה, ווייל (פון מיר) איך האב גענומען צוויי שוועסטער,- און שפעטער האט די תורה. פארבאטען צו נעהמען, אַ ווייב'ס אַ שוועסטער. אין דער צייט וואס די ווייב לעבט נאך; וועט מען צו משה, נעם אין בענטש די" וועט משה ענטפערען:- איך קען ניט בענטשען, ווייל איך האב ניט זוכה געווען ארייצוקומען אין ארץ ישראל, ניט ביי לעבען, ניט נאך'ן טויט. וועט מען דאן זאגען צו יהושע'ן: נעהם אין בענטש דא, וועט ער זאגען ניין, איך קען ניט, ווייל איך האב ניט דערלעבט, צו האבען אַ זוהן,- צולעצט וועט מען זיך ווענדען צו דוד'ן, און דוד וועט זאגען:

**איך וועל בענטשען, איך הויב אויף דעם בעכער, פאר די בעפרייאונג פון דעם אידעשען פאלק און נאמען, פון גאט.**

(פסחים קי"ט)

## אברהם דער פאטער פון יצחק

דעם טאג וואס אברהם האט ענטוואוינט זיין זוהן יצחק האט ער געמאכט אַ גרויסע סעודה, האבען די גוים, צווישען זיך געמורמעלט: האט איהר אזוינס געזעהן? - אַ זקן מיט אַ זקנה האבען ארייגענומען אן אונטערגעווארפען קינד פון גאס אין זיי זאגען אז עס איז זייער זוהן. איז נאך ניט גענוג פאר זיי — זיי מאכען אַ גרויסע מאהלצייט, איינצורייידען דעם עולם, אז דאס איז טאקי זייערער, אַז אברהם געהערט ווי מען רעדט אזוי וועגען זיין קינד. האט ער איינגעלאדען צו זיך די גרעסטע מענער פון זיין צייט; און אונזער מוטער שרה האט איינגעלאדען די פרויען פון יענע מענער, און יעדע איינע פון די פרויען האט מיטגעבראכט איהר זוהן, אבער זיין זויגערין האט די ניט מיטגעבראכט, און אַ נס איז געשעהן מיט אונזער מוטער שרה, וואס איהרע צוויי בריסטען האבען זיך געעפענט ווי צוויי קוואלען, און זי האט אלע קינדער געגעבען צו זויגען; דאך האבען שלעכטע מענשען ניט אויפגעהערט צו בערייידען, זיי האבען געזוגט: מילא, עס קען אמאל טרעפען אז אַ פרוי פון ניינציג יאהר זאל ווערען אַ מוטער, אבער ווי קען אַ מאן, פון הונדערט יאהר ווערען אַ פאטער --גלייך נאכדעם איז יצחק'ס געשטאלט געווארען דעהר ענליך צו אברהם'ן, און דאן האבען אלע געזאגט אברהם הוליד את יצחק, אברהם איז דער פאטער פון יצחק

(בבא מציעא פ"ז)

# ממשה עד משה לא קם כמשה

רמב״ם

דער רמב״ם, דער באשאפער פון דעם ספר מורה נבוכים, שרייבט צו זיינעם אַ חבר
רבי שמואל אבן תבון, — איך בין אזוי פאר נומען, דאס איך פשוט האב ניט קיין צייט, ניט צו עסען
מיין וואוינונג, איז אין פוסטאט, און דעם קעניג׳ס פאלאץ — איז קאריא, אַן ערך פון צוויי תחום שבת
איהם מיז איך באזוכען יעדען אינדערפריה, אויב ער, אדער איינער פון זיינע קינדער, אדער קעפ״
סוויבער איז ניט געזונט, קען איך שוין דעם גאנצען טאג ניט פארלאזען דעם קיניג׳ס פאלאץ, —
ווען אלע זיינען געזונט, קום איך אהיים נאך האלבען טאג, הונגעריג און פארמאטערט: דארט
געפין איך שוין אלע גאלעריעס, געפאקט מיט מענשען: קראנקע גוים, און אידען, חשוב׳ע און פראסטע,
ריכטער, פאליציאנטען, ערב רב, ווארטען מיר אפ — גע, ארונטער פון דעם אייזעל, אין וואַש די הענד,
און קום ארויס, די איבערבעטען, פאר׳ן ווארטען, און בעטען אַן ערלויבעניש צי האבען אַ לייכטען צוביסען;
— די איינציגע סעודה אין מעת-לעת — — נאך דעם, געה ארויס די באהאנדלען, — געבען עצות,
און שרייבען רעצעפטען .... דאס הערט ניט אויף ביז ביי נאכט, כסדר, קראנקע אריין, און
אַרויס, דער פון ווער איך אזוי אפגעשוואכט, דאס איך קען אפילו ניט רעדען, — אזוי איז יעדען
טאג פון וואך, דער איינציגער טאג איז שבת, ווען איך גיב זיך אפ מיט קהילה ענינים

## דריטע געשיכטע

קומענדיק אהיים פון קיניגס פאלאץ — פלעגען שטעהן גאנצע שורות, קראנקע, און דורך געהנדי׳ג, —
פלעגט ער יעדען איינעם געבען רעצעפטען, — און אנזאגען ווי זיך צו באגעהן דער מיט, — — — — —
איז געווען איינער אַ שונא ישראל, וואס האט ניט ליב געהאט דעם רמב״ם, האט ער געזאגט:
— אז די גאנצע מעשה איז אַ ליגען, ! אַמענש ווי גרויס ער זאל ניט זיין, קען, ניט באהאנדלען בלויז
פארביי געהענדיג אזוי פיל קראנקע ... כדי צו איבערצייגען, די איבעריגע דיין מיינונג, האט ער זיך
ארייַנגעשטעלט אין דער שורה, כאטש אליין איז ער געווען געזונט ווי אַ ריז, — — ווען דער רמב״ם
איז צו איהם צוגעקומען, זאגט דער רמב״ם אז פאר דיר איז קיין מעדעצין ניטא, — .... די וועסט
אין אַ מאָנאַט ארום שטארבען, דער שונא ישראל האט דעם שפאס דערצעהלט זיינע פריינט,
— און אלע האבען געלאכט, מיט איהם צוגלייך, — אבער עס זיינען אוועק עטליכע טעג, און ער
האט גענומען טראכטען: אפשר האב איך טאקע אזא געהיימענע קראנקייט, פון וועלכע איך
ווייס ניט, און ער האט עס יאָ דערקענט? — אלע זאגען דאך יאָ אז ער איז אגרויסער דאקטער, !
— .... און וואס אַ טאג ווייטער איז ער אלץ פארצווייפעלטער געווארען, — און זיינע פריינט, האבען
געזעהן ווי ער ווערט בלייכער און מאגערער, — פון טאג צו טאג, ביז ענדליך האט ער זיך געלייגט
צו בעט, און פונקט צום מאנאט איז ער געשטארבען, ווי דער רמב״ם האט פאראויס געזעהן ........

## גיפט, און געגען גיפט

אַן פארבינדינד מיט זיינע גרויס ידיעות, פון גיפט, און געגען גיפט, ווערט דערציילט אַ. געשיכטע, ווען
דער רמב״ם איז דערהויבען געווארען צו זיין, דער הויפט דאקטער אין, סאלטאן, פאלאץ, האבען איהם
שטארק מקנא געווען די פריהערדיגע דאקטוירעם (שטערנזעהער און מכשפים) ווארעם דער רמב״ם מיט
זיין גרויסען וויסען, האט ער זיי פארטונקעלט, און דער מיט באראובט פון זייער גאנצען. כבוד און גדולה.
די אלע האבען זיך פאראייניגט צו זוכען מיטלען ווי אזוי פטור צו ווערען פון דעם געלערענטען אידען,
— און אָט וואס עס איז ארויס געקומען, זייזיינען צום .סאלטאן. געקומען, מיט אַ פארשלאג, — כדי ער
זאל זיך איבער צייגען, ווער עס איז באמת דער גרעסטער דאקטער, — זאל ער הייסען יעדערען
פון זיי אויסטרינקען אַ געוויסען סם-המות, — דער וואס וועט געלינגען, זיך אליין אויסצוהיילען
און בלייבען לעבען, יענער וועט איבערצייגען, זיין גרויסקייט, אלעס דאקטער, איבער אלע אנדערע
— — דער.סאלטאן. איז איינגעגאנגען אויף דעם פּלאַן, — און די רמב״ם׳ס שונאים האבען שוין אזוי איין
געארדערדעט, אז ער זאל זיין דער ערשטער צו נעהמען די גיפט סַם, — אין דער באשטימטער צייט
איז דער רבמ״ם געקומען און האט גאנץ קאלט-בלוטיג, אויסגעטרונקען דעם סַם — — אבער צו
זייער גרויס ערשטוינונג האט עס איהם גאר ניט געשאדעט, ווייל פאר׳ן ארויסגעהן פון זיין הויז
האט ער שוין געהאט, איינגענומען דעם געגען גיפט. — די איבערגע האבען געטרונקען און אלע,
ביז איינעם זיינען אויס געשטארבען, — ווי גרויס דער רמב״ם איז געווען אין דאקטעריע, — איז ער אבער
געווען נאך גרעסער אלעס תלמדיסט און פילאזאף: — און ער וועט זיין גרויס. כל זמן עס וועלען זיין
אידען, אויף דער וועלט — — —

# ממשה עד משה — לא קם כמשה

משה בר' מיימון

מען האט געזאגט אויף איהם. אז פון משה בן עמרם ; ביז משה בן מיימון, איז ניט געווען אזא קיין טיטול, און קיין שבח, איז ניט געווען צו גרויס. פאר'ן. רמב"ם, און אלעס גרויסער דאקטער

ווענען דעם רמב"ם'ס גרויסקייט אלעס דאקטער דער צעהלט מען צווישען אסאך געשיכטעס, מ'ר ווילען דערמאנען איי'ניגע פון זיי, — דער רמב"ם האט געהערט, אז ערגעץ וויט געפינט זיך א גרויסער דאקטער וואס מאכט ווינדערליכע אפעראציעס, אבער ער וויל קיינעם ניט אויסלערנען, זיין חכמה, ווי באקומט מען דאס ?- פארשטעלט זיך ער פאר א שטומען, טוט זיך אן אין צוריסענע בגדים, און געהט אוועק צופיס ביז יענער שטאדט, און פערדינגט זיך ביי יענעם דאקטער אלעס א האלץ העקער, — דער דאקטער, דערזעהנדיג פאר זיך א שטומען, אבער א געהארזאמען מענשען, - האט ער איהם גענומען צו זיך פאר אן ארויסהעלפער, אין אפער-אציע צימער, דער רמב"ם האט אלעס געפאלגט, געלאפען פאר איהם אין פייער אין וואסער, נאר דער וויל נישט ארונטער גענומען קיין אויג פון דער ארבייט וואס יענער טוט, — א גאטען קאפ האט ער שטענדיג געהאט, און אין א קורצע צייט האט ער שוין געוויסט אלע סודות, פון דעם דאקטערס חכמה, — איינמאל ברענגט מען איהם א פאציענט מיט א קראנקען קאפ, - נעהמט איהם דער דאקטער אריין אין דיין באזונדערען צימער, און פארשליסט די טיר הינטער זיך, — אבער דער רמב"ם האט שוין, פון פריהער געהאט אויס געמאכט א לאך אין סטעלע, — דאריך וואנען ער פלעגט נאכקוקען, דעם דאקטערס ארבייט, — פון דארטען זעהט ווי דער דאקטער זעגט אויף דעם שארבען ביי קראנקען, — דארט געפינט ער א קליין ווערימעל איינגעטשעפעט אינעם דינעם הייטעל, — וואס פארדעקט דעם מארך, דער דאקטער נעהמט א צוואנגעלע און וויל איהם ארונטער נעהמען, שרייט אויס דער רמב"ם, האלט, ! ווארען דאס הייטעלע איז זייער דין. ווען די נעהמסט איהם איבערגעוואלד, וועט ער זיך איינעסען טיפער אין הייטעלע וואס וועט זיך איבעררייסען און דער קראנקער וועט שטארבען, —

- דער דאקטער, איבעראשט פון יענעם שטומען - וואס קען רעדען, — ווי אויך דערפון וואס יענער קוקט איהם נאך, — האט דער דאקטער א פרעג געטאן: טא, ווי אנדערשזשע קען איך עס ארונטער נעהמען ? — קריג א בלאט פון קרויט און לייג אוועק, וועט ער אליין פארלאזען דאס הייטעל און ארויפקריכען אויפען בלאט פון קרויט, יענער האט געפאלגט, - און אזוי איז עס געווען, דער קראנקער איז באלד געזונט געווארען, דער רמב"ם האט זיך געלאזט דער קענען ווער ער איז, און פון דאמאלס אן דיינען זיי געווארען גוטע פריינד ; —

## די צווייטע געשיכטע

דער רמב"ם, מיט זיינעם פריינט, אויך א גרויסער דאקטער, (נאר א גוי'אישער.) האבען צוזאמען אויסגעפונען. (על פי חכמת הדאקטאריע), מען זאל קענען מאכען א מענשען צו קענען לעבען אייביג. — ווי אזוי ? נעהמען א געזונטען מענשען, איהם צושניידען אויף שטיקער, אריינטון אין א גלעזערנעם פלאש, ארויפגיסען אזעלכע רפואות פערשטאפען גוט, - און לאזען שטעהן פיר וואכען אזוי, אין דער צייט וועלען די שטיקער צונויפקומען און וועט נאכדעם לעבען אייביג, — אבער אזוי ווי קיין דייטיגער מענש וועט ניט וועלען, אז מען זאל אויף איהם מאכען די ערשטע פראבע, האבען זיי באשלאסען דאס צו פרובירען אויף זיך אליין ; -ווארפען גורל, און אויף וועמען דער גורל וועט פאלען דער זאל זיך לאזען צעשניידען, דער גורל איז געפאלען אויפ'ן גוי, און דער רמב"ם האט איהם צעשניטען, פאפאקט אין א פלאש, און באגאסען מיט רפואות. עטליכע טעג פאר'ן טערמין, האט דער רמב"ם געזעהן ווי דער גוי, איז שוין פארטיג -האט ער גענומען עפענען די פלאש, — דאס וואס ער האט ניט געטארט, יענער האט געוואוסט אז דאס מיינט דיין טויט, דער פאר האט ער ארויס געשטעקט די האנד, איהם צו דערמאנען אז זיי האבען זיך געגעבען תקיעת כף, אפ צוהיטען איינער דעם צווייטענס לעבען, — אבער דער רמב"ם האט דערויף ניט געקוקט און האט די פלאש געעפענט, און יענער איז געבליבען טויט.... ער האט עס געמוזט טאן דער קענענדיג, אין יענעם, דאס ער האט בדעה נאך דעם צו מאכען זיך פאר א גאט א — ראיה ער לעבט אייביג, ! — (דאס איז אזעלכע לעגענדעס וואס ווערען איבערגעגעבען פון מויל צו מויל)

# בוראהעולם מיט זיין תורה

## דיתורה וואס קודשא ברוך הוא

האט איבערגעגעבן צו משהרבינו - דעם עיקר דין
תורה שבכתב - מיט ערקלעהרונגען - תורה שבעל
פה, - האט משה איבערגעזונט צו אהרן, צו זיינע זהין
אלעזר און איתמר, צו די 70 זקנים, און צו אלע אידע
דאס אלע האבען עס פון זיין מויל געהערט, און אזוי
האט ער איינגעלערענט מיט זיי אלעמען די 613.
מצוות, - נאכדעם איז ער ארויפגעגאנגען אויפן בארג
עברים. און ער איז נפטר געווארין - יהושע האט פאר
נומען זיין ארט, אין דער מחנה אלעס א פיהרער,
יהושע איז געבליבען נאך משה רבנו'ס טויט

אריין צופירען די אידען, אין זייער צוגעזוגטען
לאנד, און האט געזוגט, באלד ביי אנפאנג:
צו לערנען די תורה פון משה'ן מיין קנעכט.,,
ער האט איבערגעגעבען אלע פרטים, כללים, און
פשטים, צו די זקנים און צו פנחס'ן דע כהן גדול,
די מסורה איז אזוי איבערגעגאנגען מיט פאלגענדען סדר:
משה, יהושע, פנחס, עלי, שמואל, דוד, אחיה,
אליהו, אלישע, יהוידע, זכריה, הושע, עמוס.
ישעיה, מיכה, יואל, נחום, חבקוק, צפניה,
ירמיה, ברוך בן גריה, שמעון הצדיק, אנטיגנוס
איש סוכו, יוסי בן יועזר איש צרידה, און יוסי בן
יוחנן, יהושע בן פרחיה, און נתאי הארבלי, יהודה
בן טבאי, און שמעון בן שטח, שמעיה און אבטליון
הלל, שמעון ובן גמליאל - ביז רבי יהודא הנשיא
אדער ווי מען האט איהם גערופען „רבי" (רבנו הקדוש)
ביז איהם איז נאר די תורה געווען, פארשריבען!
(דערפאר רופט עס תורה-שבכתב") און די
פשטים ודקדוקים זיינען איבערגעגעבען געווארען
אויסווענינג. (פונ'ם ריבן' צו די תלמידים, פון מויל
צו די אויערען. (דער פאר רופט מען עס, תורה.
שבעל פה) בלויז דער ראש בית דין, פלעגט עס
פארשרייבען פאר זיך; און לערנען מיט די
תלמידים אויסווענינג, - מורא האבעדיג אז די ישיבת
צענטערס זאלען ניט די תורה פארגעסען - דערפאר
האט מען פארשריבען. אלע דינים. זיי אנגעטיילט
אין מסכתות אין סדרים, זרעים, מועד, נשים,
נזיקין, קדשים, טהרות,

## אברהם אבינו'ס געסט

ר' חמה בר חנינא דערצעהלט אזוי:

דאס איז געווען דעם דריטען טאג נאכדעם ווי
אברהם האט זיך מל געווען, איז דער אייבעשטער
געקומען איהם מבקר חולה זיין. - און יענעם טאג
האט דער אייבעשטער ארויסגענומען די זון פון איהר
שייד, אום עס זאל ווערען א גרויסע היץ און מענשען
זאלען ניט געהן אין וועג, און אברהם אבינו זאל זיך
ניט דארפען בעמיהען אויפצונעהמען דורכרייזענדע,
אברהם אבינו האט געהייסען זיין דינער אליעזר,
ער זאל ארויסגעהן אין דרויסען און זעהן אויב עס
געהען דאך דורך רייזענדע, - אליעזר איז ארויס און
האט קיינעם געפונען, "איך גלויב דיר נ'ט." האט אברהם
געזאגט, און איז אליין ארויסגעגאנגען, ביי'ם טיהר
האט ער געזעהן די (שכינה) שכינה,

די דריי מלאכים וואס האבען בעזוכט אברהם
אבינו, זיינען געווען - מיכאל, גבריאל, און רפאל,
מיכאל איז געקומען אנזאגען שרה'ן אז די וועט האבען
א זוהן, רפאל איז געקומען היילען אברהם'ן, און
גבריאל איז געקומען איבערקעהרען סדום,
מיכאל איז מיטגעגאנגען מיט גבריאל'ן אים צו
רעטען לוט'ן פון דער איבערקעהרעניש, (בבא מציעא פ"ו)

# רבי שמעון בן חלפתא

ר׳ שמעון איז געווען דער גרעסטער לערנער, פון צווישען זיינע חברים, אבער אויך אַ גרויסער אביון, - איז ער אמאל געגאנגען צו אַ "ברית מילה", אנגעטהון אין זיינע שַבת דיגע בגדים, - ביי דעם זעלבען "ברית מילה" האט איהם דער בעל-ברית געגעבען, זעהר גוטען אלטען וויין צו טרונקען, און ער האט געזאגט, אויב איך וועל לעבען, וועל איך געבען צו טרונקען פון דעם זעלבען וויין ביים חתונה מאלצייט פון מיין קינד! האט ר׳ שמעון בן חלפתא געענטפערט: אזוי ווי דאס קינד האט היינט געהאט זיין ברית, אזוי וועט ער זוכה זיין צו געהען צו דער חופה און מיר ביידע וועלען דאן וויטער טרונקען! -- שפעטער, ווען ר׳ שמעון איז אהיים געגאנגען, האט ער באגעגענט דעם "מלאך-המות," וועלכער האט צו איהם געזאגט: וויל דו ביזט אַ צדיק, דארפסטו שוין ניט קיין מורא האבען, צו געהען אליין ביינאכט? - און ווען ר׳ שמעון בן חלפתא האט דעם "מלאך המות" געפרעגט, וואו ער געהט, האט ער געזאגט, אז ער געהט יעצט נעהמען די נשמה פון יענעם קינד, ביי וועמעס ברית ר׳ שמעון איז געווען, האט ר׳ שמעון אויף איהם אנגעשריגען, און אזוי ווי ער האט צוגעזאגט צו טרונקען ביים חתונה מאהלציט פון דעם אינגעל, - טאר מען איהם ניט מאכען פאר אַ ליגנער און מיט אָט דעם ווארט זיינעם האט ער בטל געמאכט די גזרה אויף דעם קינד, (קהלת רבה פרשה, ג׳.)

## ר׳ שמעון בן חלפתא

ר׳ שמעון בן חלפתא. איז אמאל געגאנגען אונטער=וועגס, און ער האט באגעגענט צוויי הונגעריגע לייבען, פאר וועלכע ער האט זיך זעהר דערשראקען; - נאר איידער די לייבען זיינען אויף איהם אנגעפאלען, האט מען איהם ארונטער-דערלאנגט, פונ׳ם הימעל צוויי גרויסע שטיקער פלייש, האט ער איינעם אוועקגעגעבען צו די לייבען און דאס אנדערע האט ער מיט זיך מיטגענומען אין בית=המדרש אריין, צו פרעגען דארט ביי די חכמים, צי דאס איז כשר, האבען איהם די חכמים געזאגט, אַז פונ׳ם הימעל קען נישט קומען קיין אומריינע זאך (סנהדרין דף נ׳ט ע׳ב

עס ווערד דערצעהלט אז ר׳ שמעון, און ר׳ חייא זיינען ביידע געזעסען אין בית-המדרש פון טבריה, פארטיפט אין זייער לערנען, אין דאס איז געווען אַן ערב יום-טוב, זיינען זיי פלוצים געשטערט געווארען פון אַ געריש, וואס האט זיך געלאזט הערען פון דער גאס האט ר׳ שמעון געפרעגט ביי ר׳ חייא, וואס די טומלען די מענשען אייגענטליך אין דרויסען, האט איהם ר׳ חייא געענטפערט, - ווער עס האט געלד, גייט יעצט איינקויפען אויף יום-טוב, און ווער עס האט ניט קיין געלד, - דער געהט יעצט צו דעם מענשען, ביי וועלכען ער ארבייט, צו קריגען דאס נויטיגע געלד, צו קענען איינקויפען זיינע באדערפענישען לכבוד יום-טוב, - האט ר׳ שמון אויף דעם געזאגט: - אויב אזוי וועל איך אויך געהן בעטען ביי מיין בעל-הבית! און געמיינט האט ער דאביי. אז ער וועט בעטען ביים רבונו של עולם, צו וועמען ער האט כסדר געדינט. איז ער דאַן ארויסגעגאנגען פונ׳ם בית-המדרש און ער האט זיך אוועקגעשטעלט, אונטער דער שטאדט לעבען די הייהלען, תפלה טהון צום אויבערשטען, ער זאל איהם געלד אויף יום טוב, האט זיך פלוצים באוויזען אַ האנד, - וועלכע האט עם דערלאנגט אַ פערל. איז ער באלד אוועקגעגאנגען, צו ר׳ יהודה הנשיא, איהם ווייזען די פעריל, האט איהם ר׳ יהודה הנשיא געזאגט, אזא פעריל דארפסטו נישט פארקויפען, ביז דו וועסט נישט וויסען גענוי איהר ווערטע, נור דערווייל וועל איך דיר געבען, דריי דוקאטען, די זאלסט קענען מאכען יום-טוב, די זאלסט נאך יום-טוב דעם פעריל פארקויפען, האט ר׳ שמעון גענומען די דריי דוקאטען, און ער איז געגאנגען איינקויפען אויף יום-טוב! און ער איז אהיים געקומען מיט די יום-טוב׳דיגע זאכען, האט איהם די ווייב געפרעגט: פון וואנען האסטו געקראגען געלד? האסט שוין אפשר, אנגעהויבען גנב׳נען? האט ער איהר דאן אלעס דערצעהלט, האט איהם די פרוי געזאגט: ווילסט עפשר, אז אין דיין קרוין אויף יענער וועלט זאל פעהלען איין פעריל? האט ער די געפרעגט, וואס ער יעצט טהון, האט איהם די פרוי געזאגט: געה, גיב צוריק דאס געקויפטע, צו די סוחרים. וועלען זיי דיר אפגעבען די דריי דוקאטען. וועסטו זיי אפטראגען צו דעם, וואס האט זיי דיר געגעבען, און ער זאל דיר צוריק געבען די פעריל, און די פעריל וועסטו צוריק געבען צום הימעל. פון וואנען דו האסט זי באקומען! (מדרש רות פרשה ג׳ פיס ד׳)

# די צייט

## פון צווייטען בית המקדש

ווער ס'האט נישט געזעהן ירושלים אין איהר גלאַנץ
— האט אויף זיין לעבען קיין פראכטפאלע שטאדט
ניט געזעהן, ווער ס'האט נישט געזעהן דעם בית המקדש
אויף זיין פלאטץ — האט אויף זיין לעבען קיין וואונדער
שעהנע געביידע ניט געזעהן, -- אלעס פון גאלד,
פון די טיהר און טוירען האבען זיך אפגעשפיגעלט,
און זייער היילגער האט געווארפען אַ אפשיין איבער
דער גאנצער שטאדט, אלע טויערען פון בית המקדש,
וואס זענען לְכַתְּחִלָּה געמאכט געווארען פון קופער,
זענען זיי שפעטער איבער געמאכט געווארען אויף
גאלדענע; חוץ נקנור'ס טויערען, ווייל מיט זיי איז
אַ נֵס געשעהן: — נקנור האט באשטעלט די טויערען
אין אלכסאנדריא אין מצרים, — און אז ער האט זיי פון
דארט געפיהרט,! איז אויפגעשטאנען אַ. שרעקליכער
שטורם-ווינד אויף צו דערטרינקען ווערען; האט מען,
איין טויער אריינגעווארפען אין יַם — און דער שטורם
ווינד, איז ניט געשטילט געווארען, האט מען געוואלט
דעם אנדערען, אריינווארפען — האט נקנור זיך אנגעהאנ-
גען אָן טויער און געזאגט: ווארפט מיך אריין מיט איהם
אינאיינעם — איז באלד דער שטורם געשטילט געווארען
האט איהם שטארק באנק געטהון אויף יענע טויער
וואס איז פערלוירען געגאנגען;... ווי מען איז געקומען
צום פארט. פון עכו, האט מען דערזעהן ווי דער ארויס-
געווארפענער טויער שווימט ארויס פון אונטערן שיף;
די דאזיגע פָּאר טוירען זענען געווען אויסגעגאסען פון
איין שטיק קופער און בלאנק געשליפען, און אז די
זון האט אנטקעגען זיי געשיינט, האבען זיי געגלאנצט
ווי גאלד, -- ביים טיהר היכל, איז געשטאנען אַ
גאלדענער וויינשטאק, און ווער ס'אָט געוואלט
פלעגט שענקען אַ גאלדענעם בלאט, אַ טרויב אדער
אַ הענגעל און אנהענגען אויפ'ן וויינשטאק, איינמאל
האט מען געדאַרפט אפרוימען דעם פלאץ, — האט
מען צענויפגערופען דריי הונדערט כהנים, די זאלען
צוזאמען דעם שווערען וויינשטאק ריהרען פון ארט, —
אַ פלייט איז געווען אין בית המקדש נאך פון משה
רבינו'ס צייטען, גלאט און דין, אויסגעשניצט פון רֶעהר
האלץ — ר איינמאל האט דער מלך געהייסען, מען זאל
די באדעקען מיט גאלד, האט זי פערלוירען איהר זיסען
קול, האט מען דאס גאלד אראפגענומען — איז דאס
קול געווארען ווידער זיס ווי פריהער

## פון צווייטען בית המקדש

דער פרוכת האט געהאלטען פערציג איילען די לענג
צוואנציק איילען די ברייט, און אַ **טפח** די דיק,
געוועבט האט מען איהם, אויף צוויי וועב-שטיל,
פון צוויי און זיבעציג פאכען; יעדער פאדעם געד-
רעהט, פון פיער און צוואנציג, שטיק גארען, אזעלכע
פרוכתן פלעגט מאכען צו צוויי אַ יאהר, און מַחמת
שווערקייטען, פלעגען זיי דריי הינדערט כהנים געהן
טובל זייז אין וואסער — -- אַן ארגעל איז געווען
אין בית המקדש, מיט צעהן לעכלעך, יעדער לָאך
האט ארויסגעלאזען צעהן נגונים, צו זאמען
הינדערט לידער.

## שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה

ווער עס האט ניט געזעהן דעם פַּאַראַד פון שמחת
בית השואבה אין בית-המקדש, דער האט קיין
פרעהליכס אויף זיין לעבען ניט געזעהן, —
די ערשטע נאכט חול-המועד סוכות, געהען די
כהנים אריין אין (עזרת נשים) און ארדנענען איין
אלעס צו דער גרויסער בעלייכטונג; פיער גאלדענע
מנורות זענען דארט געשטאנען מיט פיער גאלדענע
בעקען פון אויבען, צו יעדען בעקען איז געווען, צו
געשטעלט פיער לייטער'ס, און פיער יונגע כהנים
האבען ארויפגעטראגען אַ קריג בוימעל יעדער איינער,
צו הונדערט צוואנציג קווארט אין יעדען בעקען;
פון די אלטע כהנים'ס גארטלען, האט מען געצויגען
קנויטען און אנגעצונדען די מנורות, עס איז ניט געווען
קיין הויף אין ירושלים, וואס זאל נישט אפלייכטען
פון דער שיין, פון בית השואבה,
פרומע לייט האבען געטאַנצט מיט פאקלען אין די
הענד, און די לְוִיִּם, אויסגעשטעלט אויף פופצעהן
טרעפ, מיט כְּלֵי-זֶמֶר, שפילען און זינגען ביז האלבע
נאכט; ביי'ם ערשטען האָהן קרעהען, איז מען ארויס
צום מזרח-טויער שעפען וואסער און דער געזוגען,

שעפט וואסער מיט פרייד
פון די קוואלען פון הילף
און ביי'ם געגענען זיך האט מען זיך געוואונשען
בענש דיך גאט פון ציון
און זעה דאס גליק פון ירושלים
קינדס-קינדער זאלסטו דערלעבען
פרידען אויף ישראל

יומא דף סוכה דף נ״א

# נס חנוכה

אין דער צייט ווען מלכות יָוָן האט געוועלטיגט אין ארץ ישראל, איז ארויס אויף יודען אַ גזירה. אז יעדער בעל־הבית וואס האט אַ הויז, זאל ער אויף דער טהיר אויסקריצען, — „איך קעהר זיך מיט'ן יודישען גאט גאר נישט אָן", האבען באלד די יודען גענומען, און ארויסגעריסען אלע טיהרען פון זייערע הייזער. — ס'איז ווידער ארויס אַ גזירה: יעדער יוד וואס האט אַ אָקס, זאל ער אנשרייבען אויף זיין הארן: — „איך קעהר זיך מיט'ן יודישען גאט גאר נישט אָן", האבען באלד די יודען אויספערקויפט אלע זייערע אקסען

## די פרוי מיט איהרע זיבען זיהן

צעליב דיר, זענען מיר געטויט געווארען. פערדרעכענט ווי שאָף צום שעכטען, — ווי דאס איז געשעהן. אין די צייטען פון גריכישען קעניג אנטיוכוס, מיט דער פרוי און איהרע זיבען קינדער. — מרים בת נחתום, איז געפאנגען געווארען, די מיט איהרע זיבען זוהן, האט מען זיי ארייגעזעצט יעדען אין אַ באזונדער קאמער, און אזוי מען האט איהרע זעכס קינדער געניהט אז זאלען זיך בוקען צום בולד, זיי האבען מְקַדֵש השם געווען. און זיי האבען ניט געוואלט בוקען צום אַ שמוציגען בילד. — האט ער געהעסען אז מען זאל אלע זעכס זוהן טויטען, און די מוטער'ס אויגען, — און אונטער דעם מוטער'ס הענד האט מען דאס לעצטע קינד געטעט! איז זי ארויף באלד אויף אַ דאך, זיך אראפגעווארפען און צושלאגען זיך אויף טויט

אז די גריכען זענען אריין אין בית המקדש, האבען זיי פאראומרייניגט אלע בוימלען, — שפעטער אז די חשמונאים האבען זיי ביי'געקומען, האט געזוכט ריינעם בוימעל אויף אנצינדען די מנורה, און געפונען איין קריגעל, פער'חתמ'עט מיט'ן כהן גָדול'ס זיגעל, און דארט איז געווען בוימעל נור אויף איין טאג, איז געשעהן אַ נס און דאס ביסעל בוימעל האט געברענט גאנצע אכט טאג, — דעריבער האט מען איינגעפיהרט, דעם יום טוב. מיט חנוכה ליכטליך אכט טאג, — —

# כהן גדול

דער כהן גדול האט געדארפט זיין גרעסער פון איבריגע כהנים. אין פינעף זאכען, אין שענהייט, כח. רייכקייט, חָכְמָה. און אויסזעהן, — — אמאל האט מען פנחס דעם שטיין־קריצער אַפגענומען פאר אַ כהן גדול, קומען די כהנים און טרעפען איהם, ווי ער שטעהט און האקט שטיינער פון אַ בארג. — האבען זיי איהם אנגעשאטען אַ פולען שטיין - בְּרוּך מיט גאלד, און איהם אוועק געשיקט, און מעהר איהם ניט געלאזען ארבייטען

מען דערצעהלט אויף ר' ישמעאל בן פַאבִי, — — אז זיין מוטער האט איהם געמאכט אַ ליינען־העמדל פאר הינדערט, מָנָה, - גילדען; האט ער עס איינמאל אנגעטהון צו דער עבודה, — און באלד אוועקגשאנקען אין בית המקדש. אז אנדערע כהנים זאלען דאס טראגען
יומא דף לה"

רבי אליעזר, בן חרסום'ס מוטער האט איהם געמאכט אַ העמדעל, וואס האט אפגעקאסט צוואנציג טויזענד גילדען, ס'איז געווען אזוי איידעל פיין, אז די כהנים האבען איהם עס ניט געלאזט אנטהון צו דער עבודה, ווייל פון ווייטען האט עס אויסגעזעהן ווי ער שטעהט נאקעט, יומא ל"ה

איינער (אַרְמָאָה) אַ גוי אליגנער, פלעגט אלע פסח קומען קיין ירושלים, פארשטעלט אַ יודען, און מיט עסען דעם קרבן פסח גלייך מיט אלעמען, — איינמאל קומט ער צו ר' יהודה בן בתירא: און בערימט זיך, — אין אייער תורה שטעהט: קיין פרמדער זאל איהם ניט עסען, ○ כל בן נכר לא יאכל בו ○ און איך [illegible] באקום אלע 'אהרען' דאס שענסטע און דאס בעסטע — פרעגט איהם ר' יהודה בן בתירא: האט מען דיר געגעבען צו פערזוכען פון דער אליה? (קאָדֶע) — ניין ענטפערט ער, — דאס צווייטע מאל בעט! ווּעסטו פערזוכען, — — אויף איבער אַ יאהר קומט יענער ווידער און בעט: — גיט מיר פון (קאָדֶע)! — סטייטש, דאס איז מען דאך, גאר מקריב אויפ'ן מזבח!? ... — און ר' יהודה בן בתירא האט מיר געהעסען בעטען, — האט מען אונטערזוכט און מ'איז דערגאנגען, אז ער איז אַ גוי; (וְקָטְלוּהוּ): — האבען זיי גשיקט אַ בְּרִיף צו ר' יהודה: — פריעד צו דיר, ר' יהודה בן תֵּרָיא; וואס די זיצט אין נְצִיבִין (בָּבֶל) און דיין נֶעץ איז פערשפרייט אויף ירושלים! —

פסחים דף ג' עמוד ב'

במהרה יבנה המקדש בעיר ציון בימינו

# שמעון הצדיק - און - אלכסנדר מוקדון,

אז אלכסנדר מוקדון האט איינגענומען ארץ ישראל,
זענען די (כותים) פאריודעשטע גויים, געגאנגען בעטען
איהם, ער זאל חרוב מאכען דעם בית-המקדש,
האט זיך דערפון דערוויסט, שמעון הצדיק, - האט ער זיך
אנגעטהון די בגדי כהונה און מיטגענומען די אנגעזע=
הענע לייט פון ירושלים, און ארויס אנטקעגען
אלכסנדר'ען. מיט ברענידיגע ליכט אין די הענד, !
זענען זיי געגאנגען די גאנצע נאכט, - די פון איין זייט,
יענע - פון דער אנדערע זייט, ! - אז דער פריה-מארגן
האט אויפגעשיינט, פרעגט אלכסנדר די כותים: ווער
געהט עס דארט ? - ענטפערען זיי: דאס זענען די
יודען, וואס האבען געגען דיר ווידערגעשפעניגט,
אז די זענען געקומען ביז (אנטיפאטרעס) איז די
זון אויפגעגאנגען און זיי האבען זיך באגעגענט, - -
ווי אלכסנדר האט דערזעהן דעם כהן גדול, איז ער
אראפ פון פערד און זיך צו איהם געבוקט, - פרעגט
מען איהם: ווי קומט עס, אז אזא גרויסער מלך
ווי דו, זאל זיך בוקען צו אט דעם יודען ? ...
ענטפערט ער: זיין געשטאלט געהט שטענדיג
פאראויס אין אלע מיינע מלחמות - שענקט מיר
גליק און זיעג, - דער נאך פרעגט ער די יודען: וואס
פארלאנגט איהר ? - ענטפערען זיי איהם: - —
דאס הויז וואו מיר זענען מתפלל צו גאט פאר דיר
רעדען דיך אן די שונאים דו זאלסט עס חרוב מאכען
— ווער זענען זיי, די שונאים ? - אט די כותים, -
וואס שטעהען דא פאר דיר. — — — איך גיב
זיי איבער אין אייערע הענד, - האבען זיי באלד גענומען
די כותים, און צו געבונדען זיי צו זייערע פערד, און די
אוועקגעשלעפט צום בארג גריזים, וואו זייער
בית המקדש איז געשטאנען, און דעם בארג גריזים
האבען זיי צואקערט, און צושמעטערט די מזבחות

פערציג יאהר איז שמעון הצדיק געווען
א כהן גדול: נאכ'ן פערציגסטען יום-כפור זאגט
ער: - איך וועל דאס יאהר ניט אויסלעבען, פרעגט
מען איהם: פון וואנען ווייסטו ? ענטפערט ער: -
— יעדער יום-כפור, ווען איך געה אריין אין קדשי קדשים
זעה איך אן אלטען מאן, איינגעהילט אין ווייסען,
מיט מיר פלעגט ער אריינגעהן, אין קדשי-קדשים. און
מיט מיר ארויסגעהן, - דאס יאהר איז דער זקן געווען
איינגעהילט אין שווארצען, אריין איז ער מיט מיר,
און קריג שוין ניט ארויס. - - - נאך סוכות איז
שמעון הצדיק קראנק געווארען און אויפ'ן אכטען
טאג געשטארבען

ירושלמי ש יומא פרק חמישי

## די אלכסנדריער שוהל

ווער עס האט (געזעהן ניט) די אלכסנדריער גרויסע
שוהל, האט ניט געזעהן די יודישע פראכט, א
גרויסע זאל מיט צוויי זיילען. מיט שורות בענק
ארום און ארום, איינע העכער פון דער אנדערער,
ווי גאלערעען, אין שוהל האבען געקענט
אריינגעהן, צוויי מאל אזוי פיעל מענשען ווי די
צאהל יוצאי מצרים, - ! איין און זיבעציג גאלדענע
שטוהלען זענען דארט געשטאנען פאר די איין
און זיבעציג סנהדרין, יעדער שטוהל האט געוויגען
ניט ווייניגער פון איין און צוואנציג מאל צעהן
טויזענד צענטנער גאלד, א גרויסע בימה איז
געשטאנען אין מיטען, פאר'ן חזן, און די שמשים
זענען געשטאנען ארום ארום איהם מיט טיכער
אין די הענד, און אז מען האט געדארפט
ענטפערען אמן — האבען זיי געפאכעט מיט
די טיכער, כדי די וואס זיצען פון ווייטען, און
הערען ניט זאלען זעהן, און ענטפערען אמן,

האט דאן שמעון הצדיק אריינגעפיהרט
דעם קעניג אין בית-המקדש - , און אזוי ווי דער
בית המקדש איז איהם דעם קעניג זעהער געפעלען
געווארען, האט ער געוואלט, אז מען זאל אריינ=
שטעלען זיין בילד, אויסגעהאקט פון שטיין
נעבען דעם מזבח, - האט איהם שמעון הצדיק
צוריק געענטפערט, אז דאס איז אוממעגליך. -
וויל לויט דעם אידעשען אמונה טאר מען
נישט אריינשטעלען קיין בילד אין בית המקדש -
— ער דענקט אבער צו פארהייליגען דעם אן
אנדענק פין אלעקסאנדער'ס גינאד, אויף א
אנדערען אופען, ער וויל אז אלע איינגעלעך.
וואס וועלען אין דעם זעלבען יאהר געבוירען ווערן
זאלען קריגען דעם נאמען אלעקסאנדער
איז דאס דעם קעניג זעהר שטארק געפעלען
געווארען -- בעסער ווי מען זאל האבען זיין
בילד נעבען מזבח, (זה יומא דף ס"ט)

# הורקנוס און אריסטובילס

הורקנוס און אריסטובילס צוויי ברודער, חשמונאים.
שלומות, די פרוי פון אלכסנדר ינאי, בעפאר איהר
טויט, האט די איבערגעגעבן די מלוכה, צו איהר זוהן
יוחנן הורקנוס, וועלכער איז געווען אַ רוהיגער צוריק
געצויגענער מענש,- דאס האט אבער נישט געשמעקט
זיין ברודער אריסטובילס, האט ער אנגעהויבען אַ
מחלוקה געגען ברודער,-- וועלכע עס האט זיך
געענדיגט מיט אַ פשרה,-! אז הורקנוס זאל
בלייבען כהן גדול,- און אריסטובילס זאל פוהרען
די מלוכה;--- וואלטען די צוויי ברודער, געקענט
אויסלעבען זייערע יאהרען בשלום,"— איינער
אלעס! כהן גדול,- און דער אנדערער אלעס מלך,
ווען הורקנוס וואלט נישט געהאט א פריינט, מיט
דעם נאמען, אַנטיפאטער, (: אן אַדוֹמי פון די גרים)
וואס זיין זיידע יוחנן כהן גדול, האט עהם געצווינגען,
אנצונעמען די אידישע אמונה,- די אַנטיפּאַטערס
איז געווען זייער עובדה; אנצורייצען די ברודער
איינעם געגען דעם אנדערען- איז געווען די עצה.
אנטיפאטער,- אז הורקנוס זאל אנטלויפען פון
ירושלים, וועט ער פון דראוסען גרינגער קענען
דעם ברודער באקעמפפען,-! האט הורקנוס די
דאזיגע עצה אנגענומען;-- און ער איז אנטלאפען
פין ירושלים צוזאמען מיט אַ גרויסע מחנה,
אַנהענגער וועלכע האבען איהם געוואלט העלפען
געגען אריסטובילס, זיי האבען אויך געקרוגען הילף
פון אַראַבישען קעניג— מיט דער הילף פין יענעם
אראבישען קעניג האט דאן הורקנוס, באלאגערט
ירושלים,-!- האבען די באלאגערער נישט געוואלט
בטל מאכען דעם „קרבן תמיד" אין בית המקדש,
פלעגען די כהנים פון אינעווייניג ארונטערלאזען
יעדען טאג אַ קארב געלד איבער דער מויער ---
און די באלעגרער פלעגען דערפאר, אריינשיקען די
נויטיגע קרבנות; האט איינאמל אַמן, פון די באלאגערער
-- אַ מענש וועלכער האט זיך געקענט, דורכשמועסען
מיט די סאלדאטען אין (גריכיש) אנגערעט די
אנדערע סאלדאטען,- אז אנשטאט צוויי כשר'ע
בהמה'לעך, פאר'ן קרבן תמיד-,! זאל מען אריינשיקען
צו די באלאגערטע- צוויי חזירים, ווייל ווי לאנג אידען
וועלען קענען מקריב זיין דעם קרבן תמיד יעדען טאג,
וועט מען די שטאדט ירושלים נישט קענען נעמען,
און ווען- מען האט די חזירים ארויף געשלעפט אויף
דער מויער פון ירושלים, האבען זייער חזיר'שען
שטייגער שרעקליך געמורקעט,- איז דער פון
געווארען אַ רעש אין גאנץ ירושלים, ארץ ישראל
א שוידערליכע הוראַאן האט זיך אויפגעהויבען

און דער לופטען באגלייט פון אן ערד-ציטערניש,
וועלכע האט אויפגעטרייסעלט אלע ווינקעלעך פון
לאנד, אין מיטען העלען טאג, זיינען די גאסען
פינסטער געווארען, און איין מינוט זיינען אלע
תבואות אין די פעלדער ווי פאברענט געווארען;--
און ווען מען האט דערנאך געדארפט ברענגען
דעם "עומר", האט מען נישט געפונען ארום ירושלים
קיין מעסטעל גערשטען;- און מען האט איהם געדא-
רפט ברענגען פון זעהר אַ ווייטער געגענד,--
- פון וואנען עם האבען זיך גענומען חזירים אין ארץ-
ישראל, איז ניט באוואוסט, די מענשען האבען זיך
דער צעהלט, אז ווען די חזירים האבען אריינגשטאכען
זייערע אומריינע נעגעל- אין די הייליגע מויערען
פון ירושלים,-- איז דאס גאנצע לאנד אויפגעטרייסלט
געווארען, פיער הינדערט מייל, אויף פיער הינדערט מייל
-- און פון יענער צייט אָן האבען די חכמים געזאגט:-
- פארשאלטען זאל ווערען דער וואס וועט לערנען
זיין זוהן חכמת יונית,--!

יענע גאנצע צייט זיינען שוין די (צדוקים) געווען אָן
באַדייטונג — און ווען מענשען פון ארום ירושלים
האבען געדארפט מקריב זיין דעם „קרבן פסח"
און זיי האבען נישט געקענט קומען קיין ירושלים,
ווייל די שטאדט איז געווען באלאגערט,- זיינען זיי
געגאנגען קיין אלעקסאנדריען,- מקריב זיין דעם
קרבן פסח אט'ם „בית חוניו"---------
שמעון הצדיק האט איבערגעלאזען צוויי זוהן:
שמעי, און חוניו,- איז חוניו געווען אַ קליגערער.
און אַ פערהיגערער, האט שמעון הצדיק געוואלט
אז חוניו דער יונגערער זאל ירש'נען די "כהונה גדולה",
- האט שמעי אינטריגירט ביים פאלק געגען דער
צוואה פון זיין פאטער, און דאס פאלק האט געגלויבט,
אז אזא מענש ווי שמעון הצדיק האט גאר נישט
געקענט וועלען ארויפזעצען, אויף דער כהונה גדולה
דעם אינגערען זוהן,- און נישט דעם עלטערען,
-איז חוניו צוליב דעם ברוגז געווארען, און איז
אוועק קיין אלעסאנדריען אין עגיפטען, וואו עס
האט שוין דאמאלס עקסיסטירט אַ גרויסער אידעשער
קבוץ, פון אריבער אַ מיליאן נפשות,- האט ער
דארט געגרינדעט אַ (קאנקורענץ טעמפעל)
דעם "בית חוניו" מיט אַ מזבח. וואו מען האט מקריב
געווען קרבנות צום גאט פון ישראל,--
אין דער טעמפעל האט זיך גערופען [illegible] בית המקדש

# די דער ערשטער בית המקדש

איז געשטאנען, פיער הינדערט אין צעהן יאהר, אין די גאנצע צייט האבען געדיענט ניט מעהר ווי אכצעהן כהנים גדולים, --- זיבעציג יאהר, האט געדאערט, ביז וואנען מען האט גענומען בויען דעם צווייטען, בית המקדש (בית שני). דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען פיער הונדערט, צוואנציג יאהר, און פאר דער צייט זענען איבערגעווען העכער דריי הונדערט כהנים גדולים, - ווען מען זאל אראפרעכענען די פערציג יאהר, וואס שמעון הצדיק האט געדינט, - און אכציג יאהר פון יוחנן כהן גדול, - און צעהן יאהר פון ר' ישמעאל בן פאבי, - און עלף יאהר ר' אליעזר בן חרסום, קומט אויס אז פון די איבעריגע האט קיינער קיין יאהר ניט דערצויגען, ! -- אלץ דערפאר, וואס זיי האבען געקויפט די כהונה פאר געלד, - מרתא בת ביתוס האט בעצאהלט, דריי טעפ רענדלעך דערפאר, וואס מען האט יהושע בן גמלא געקרוינט פאר א כהן גדול,

יבמות ס"א

רבי ישמעאל בן קמחית איז אמאל יום-כפור ארויסגעגאנגען פון בית המקדש, אנטקעגען דעם אראבישען מלך און גערעט מיט איהם, איז געפאלען אויף איהם א (שפרענקיל) פון מלך'ס מויל — איז ער אויף דעם טאג (טמא) געווארען, - און ישבב זיין ברודער האט זיך געשטעלט אויף זיין ארט, און געענדיגט די עבודה - האט די מוטער זוכה געווען צו זעהן צוויי זוהן כהנים גדולים - אין איין טאג, זיבען זיהן האט זי געהאט, און אלע כסדר זענען געווען כהנים גדולים, פרעגט מען זי: -- מיט וואס האסטו עס זוכה געווען? - ענטפערט זי: צייט איך לעב, האבען די באלקען פון מיין הויז ניט געזעהן מיינע צעפ האר,

# עולי - רגל

אמאליגע יאהרען, אז די יודען זענען גוט און פרום, - פלעגען זיי פארלאזען די הייזער, און געהן מיט דער גאנצער פאמיליע עולי רגל זיין און האבען קיינמאל קיין שאדען ניט געליטען, — אמאל האט איינער, אוועקגעהענדיג קיין ירושלים, פארגעסען צו פארשליסען דאס הויז, - ווי ער קומט צוריק נאך יום טוב זעהט ער, ווי א שלאנג הענגט אויף דעם שלאס פון טיהר, אין היט די שטוב, --! נאך האט זיך געטראפען מיט איינעם, וואס האט פארגעסען אריינצונעהמען די עופ'ס אין שטוב: קומט ער צוריק און זעהט, ווי די עופ'ס געהען ארום אויפ'ן גראז און ווילדע קעץ ליגען צוריסען נעבען זיי. -- צוויי ברודער עשירים זענען געווען אין (אשקלון) און נעבען זיי האבען געוואוינט שלעכטע שכנים גוים, וועלכע האבען געווארט אויף דער צייט, ווען די ברידער וועלען געהן עולה רגל זיין, וועלען זיי אריין, אין הויז און צו נעהמען דאס גאנצע, האב און גוטס, - זענען געקומען מלאכים אין געשטאלט פון די ברידער, און די גאנצע צייט זיך ארומגעדרעהט אין הויז. - - -

צוריקקומענדיג, האבען די ברידער געבראכט די שכנים מתנות פון ירושלים, -- פרעגען יענע:

- וואו זענט איהר דען געוועהן?
- אין ירושלים אויף יום טוב,
- ווען אוועק, און ווען צוריקגעקומען?

דעם און דעם טאג,

- ווער האט איהר אין הויז געלאזען?
- קיינעם ניט, - האבען די גוים פארשטאנען, אז א נס איז דא געשעהן און געזאגט: - געלויבט איז דער יודישער גאט, וואס פערלאזט זיי קיינמאל נישט

אמר ר' אלעזר האט גזאגט, ווי זעהט אויס דער (תלמוד חכם), א געלערנטער, ביי דעם (עם הארץ) א פראסטער, וואס איז גאר נישט געלערנט. --! -- פון אנהייב איז דער תלמוד חכם טייער ביי דעם עם הארץ אזוי ווי א גאלדענע כלי, -- און אז דער תלמוד חכם האט נאר געשמועסט, אביסעל לענגער מיט דעם עם הארץ, איז ער ביי איהם, נאר טייער ווי א זילבערנער כלי, ווען אבער אז דער תלמוד חכם האט נאר הנאה געהאט פון דעם עם הארץ, איז ער ביי איהם גלייך ווי אערדענער כלי, -... און אערדענע כלי, אז ער ווערט צובראכען, קען ער שוין נישט גאנץ ווערען ....— אזוי קען שוין ניט דער תלמוד חכם צוריק טייער ווערען ביי דעם עם הארץ....

(סנהדרין דף נ"ב עמוד ב')

-איך בין געקומען קיין ירושלים, מיט אַ באַזונדער כּוונה, אפצוזאגען זיך פון מיין זוהן אליעזר, און איהם צו דערוויטערען פון דער ירושה, נאך מיין טויט, אזוי ווי איך זעה אבער, די גרויסע חשיבות זיינע ביי אלע חכמים -וועל איך איהם, אין מיין צוואה, איינשרייבען צו געבען צוויי חלקים אקעגען זיינע אנדערע ברודער, - - אויף דעם האט ר' אליעזר געענטפערט, אז ער האט ניט קיינמאל געבעטען ביי גאט, פעלדער, אדער וועגען געלד, אין זילבער, -- נור וועגען תורה, וועט ער נישט נעהמען פון ירושה ווי יעדער פון זיי ברודער מעהר. נאר אלע גלייכע חלקים (אבות דר' נתן פרק ו')

## רבי שמעון בן יוחאי און אליעזר

רבי שמעון בן יוחאי, און זיין זוהן אליעזר, זענען געזעסען אין בית המדרש מיט ר' יהודה בר' אלעאי, ער האט געלויבט די אויפטהוען פון רוימישער רעגירונג, אין ארץ ישראל, אז זיי האבען דארט איינגעריכטעט. גאסען, געמאכט בריקען, און אויסגעבויעט בעדער, האט ר' שמעון בן יוחאי אויף דעם געזאגט: אלסדינג וואס די רוימער האבען געטהון אין ארץ ישראל, האבען זיי געטהון בלויז פאר זייער אייגענעם נוצען: - - - - - האבען איינגעריכטעט גאסען אין דער שטאדט, כּדי זאלען דארט אריינזעצען, זונות. - זיי האבען אויסגעבוי=הט בעדער, כּדי זאלען דארט קענען שמירען די אייגענע לייבער, זיי האבען געמאכט בריקען, כּדי צו רייסען פאר זיך אפצאהלען, - - ביי דאזעגען שמועס, איז געזעסען, איינער פון די תלמידים, - - יהודה בן גרים, -- האט ער דאס דערצעהלט פאר אנדערע, ! און עס איז דערנאך אנגעקומען צו דער רעגירונג, האט דער שטאדט האלטער ארויסגעשי=קט זיינע מענשען, זיי זאלען דעם ר' שמעון בן יוחאי חאפען אין איהם הארגענען, - - און ווען ער איז געווארגעווארען, איז ער אנטלאפען צוזאמען מיט זיין זוהן, ר' אליעזר, - אַ צייט לאנג האבען זיי זיך ביידע באהאלטען, אינ'ם בית המדרש, - און מען האט פינ'ם הויז געבראכט ברויט און געקעכטס, האט זיך אבער, שפּעטער די גזרה געגען. ר' שמעון פארשטארק, וועלכעס מיינט, אז די רעגירונג האט איהם אנגעהויבען זוכען אויף אַ מעהר ענערגישען אופען, האט ער מורא געהאט, אז טאמער וועט מען, דאס ווייב זיינס נעהמען אויף אַ שטרענגען פארהער, זי וועט נישט קענען, איבערטראגען די שארפע אונטערזוכונג, און זי וועט אויסזאגען, ! וואו איהר מאן, און זוהן געפונען זיך, - - - - האבען זיי ביידע, דער פאטער, און דער זוהן,



אנטלאפען פון דארטען, און זיך באהאלטען אַ הייהל, טרעפט זיי אַ נס און עס וואקסט דארט אויס מיט אַ מאל אַ באקסער-בוים, און עס שלאגט ארויס אַ פרישער קוואל וואסער, - אַ גאנצען טאג פלעגען זיי זיצען הוילע, אהן קליידער, פערשטעקט ביז האלז אין זאמד, און לערנען תורה; נאר צו תפלה צייט פלעגען זיי זיך אנטוהן, און זיך איינהילען, און שטעלען זיך דאווענען, - אין נאכדעם ווידער זיך אויסטוהן ווי פריהער, כּדי די קליידער זאלען נישט איגאנצען אפגענוצט ווערען, זיינען זיי אזוי אפגעוועזען דארט אין דער הייל, (צוועלעף יאהר), איינמאל קומט אליהו, און שטעלט זיך ביים ארייגאנג פון דער הייהל און שרייט אויס: אז דער קיסר איז געשטארבען און דער גזירא איז בטל געווארען ? ! - דערהערענדיג זיי דאס -, זענען זיי באלד ארויס פון דיירע באהעל=טעניש ! - דערזעהען זיי ווי מענשען שטעהען אויף די פעלדער און אקערען, און זייען ,, רופט זיך אן ר' שמעון מיט פארדאס: ! מען לעגט אוועק דאס אייביגע לעבען, אין מען גיט זיך אפ, מיט צייטווייליגע לעבען ! און אויף וואס זיי האבען אַ ווארף געטהון מיט אַ אויג- איז עס באלד פערברענט געווארען, - - - האט זיך געלאזט הערען אַ בת-קול, - אומברייגען די וועלט מיינע זענט איהר ארויס ? צוריק אין אייער הייהל אריין, - קעהרען זיי זיך אום צוריק אין דער הייהל, און זענען דארט אפ נאך צוועלעף חדשים - - - - די רשעים אפילו אין גהנם - קומען אויך אפ, נישט מעהר ווי צוועלעף חדשים, אזוי זאגען זיי, - לאזט זיך ווידער הערען אַ בת קול, ארויס פון דער הייהל זענען זיי ארויס, אין דאס מאל, אלצדינג וואס ר' אליעזר האט געפלאגט - האט ר' שמעון אויפ'ן ארט געהיילט, - ערב שבת פאר נאכט דערזעהן זיי ווי עס לויפט אַן אלטער יוד, מיט צוויי בינדליך הדסים אין די הענד, - אלטיטשקער, צו ליעב וואס טראגטו דאס - לכבוד שבת - ענטפערט דער אלטער אין איילעניש, - נישט גענוג דיר איינס ? - איינס אַ זכור - - און איינס אַ קעגען שמור - - זעהסטו - זאגט ר' שמעון צו זיין זוהן, ווי ביי אַ יודען איז אַ מצוה ליעב און טייער- ארויס געגאנגען פון דער הייהל, האט ר' שמעונ'ס איידעס, פינחס בן יאיר געהערט די נאכריכט, אז זיין שוועהער, און זיין שוואגער זיינען ארויסגעקומען פון זייער באהעלטעניש, איז ער אקעגען געגאנגען און ער האט זיי אריין גענומען צו זיך אין הויז, - - ארויסגעהענדיג פון דער הייהל, האט ר' שמעון בן יוחאי באגעגענט דעם, דארמאנטען, יוהדה בן גרים, וועלכער האט, מיט דרייצען יאהר צוריק אויסגעפלוידערט, וואס ער האט געהערט פון ר' שמעון, - האט ר' שמעון אַ זאג געטהון.

# ר׳ אליעזר בן הורקנוס

דער גרויסער ר׳ אליעזר בן הורקנוס, האט ביז צוויי און צוואנציג יאהר, גאר נישט געלערנט קיין תורה, - ווערד דער צעהלט, אז זיין פאטער איז געווען אַ גרויסער עושר, און אן אייגענטימער פון פולע פעלדער האט ער צוזאמען מיט אלע זיינע זוהן. אפגעגעבען זיך מיט ערד ארבייט, - אלע זיינע זוהן זיינען אויך געווען שרעקליכע עם ארצים, האבען אפילו נישט געוויסט צו זאגען "שמע ישראל." - אליעזר איז שוין דאמאלס געווען אַ מאן פון צוויי צוואנציג יאהר, ! איז איהם פלוצים איינגעפאלען אַ געדאנק צו פערלאזען, די פעלד ארבייט און צו נעהמען זיך לערנען. - און ווען ער האט דעם דאזיגען געדאנק זיינעם אנטפלעקט צו זיין פאטער, - האט זיך דער אלטער הורקנוס פאנאדער געלאכט, און ער האט איהם געזאגט, יעצט ווילסטו געהען לערנען? - יעצט איז פאר דיר די צייט, צו נעהמען אַ ווייב, און ברענגען קינדער אויף דער וועלט, און אז די וועסט האבען קינדער, וועסטו די קענען שפעטער אויפציהען צו תורה, האט ער נישט געוואלט הערען, און ער האט ביי זיך באשלאסען, צו פערלאזען דעם פאטערס הויז, ביי דעם ערשטער געלעגענהייט, - און אזוי ווי איינע פון די קיה, מיט וועלכע ער האט געארבייט, - האט גראד דאמאלס אַ פוס געבראכען, האט ער מורא געהאט אז דער פאטער זאל איהם נישט באשטראפען, וואס ער איז נישט געווען גענוג פארזיכטיג מיט דער קיה, איז ער אנטלאפען קיין ירושלים דירעקט צו ר׳ יוחנן בן זכאי, - אנגעקומען אין ירושלים האט ער דארט ערקלערט זיין ווינש, - און אויך אלע פראגען, וואס מען האט איהם געפרעגט, האט נישט פארשטאנען צו ענטפערען, האט זיך ר׳ יוחנן בן זכאי, אויף איהם מרחם געווען און האט איהם אריינגענומען צו זיך אין בית המדרש. - תאמער ער האט געלערנט, איז ער הען דערווייל גאר נישט - און ווי מען ערווארטעט איז דאן איטליכער געווארען, וואס מען האט געזעהן, אז דער געוועזענער עם הארץ וואקסט אין זיין וויסען פון טאג צו טאג,

אזוי ווי ער איז אבער מיט ליידיג הונגער אנטלאפען פון זיין פאטערס הויז, - - האט ער נישט געהאט וואס צו עסען, ! האט ער פאר הונגער געריעכט פשוטע ערד - וועלכעס האט פאראורזאכט וואס עס האט זיך געהערט אַ שלעכטער ריח פון זיין מויל - האט איהם ר׳ יוחנן דאן איבערפרעגט, ווער ער איז און פאר וואס ער איז אנטלאפען פון זיין פאטערס הויז, און נאכדעם ווי ר׳ אליעזר האט איהם אלעס דערצעהלט, האט איהם ר׳ יוחנן באזארגט מיט ברויט - און אזוי ווי ער האט געזעהען, זיין גרויסע חשק צום לערנען, האט ער איהם שטארק מקרב געווען,

און אין פארלויף פון דריי יאהר צייט, איז ער געווארען איינער פון די בעסטע תלמידים ביי ר׳ יוחנן בן זכאי, - - - צו יענער צייט, איז הורקנוס געווען אַן אלטער מאַן, האבען איהם די זוהן געזאגט "זעה, וואס דיין זוהן אליעזר האט דיר געטהון, - אין אזא שווערער צייט האט ער דיך פארלאזען און ער עוועק קיין ירושלים, צו עסען דארט געשטאפטע פויגעלעך. און אז עס וועט קומען צו דער ירושה, - וועט ער וועלען נעהמען אזוי פיעל ווי יעדער אנדערער פון אונז, ! און טאמער וועסטו אפילו שרייבען אַ צוואה, און די וועסט אנזאגען, אז מען זאל איהם גאר נישט געבען, וועט מען דיך אויך ניט הערען. - ווייל ר׳ יוחנן בן זכאי וועט דאן זיכערליך פסק׳ענען פאר זיין טובה"!.......

האט דער אלטער הורקנוס אויף דעם געענטפערט: האט גאר נישט קיין מורא, מיינע קינדער. - - - ווייל איך וועל אליין געהען קיין ירושלים, אין אום שבת וועל איך דארט עפענטליך פאר אלעמען אויסרופען, אז מיין זוהן אליעזר האט ניט קיין חלק אין מיין פערמעגען,!" - און ווען הורקנוס איז דאן אנגעקומען און ירושלים, איז ר׳ יוחנן בן זכאי געוואהר געווארען, אז ר׳ אליעזר׳ס פאטער איז געקומען, האט ער איהם געהייסען אפגעבען כבוד צוליעב זיין זוהן, און אוועקזעצען איהם צווישען די גרעסטע פונ׳ם פאלק - און ר׳ אליעזר׳ן האט ער געהייסען דרש׳נען יענעם שבת. - -

האט זיך דער אלטער הורקנוס זעהר פארוואונדערט ווען ער האט געזעהען, אז זיין זוהן, וועלכער איז פריהער געווען אַן עם הארץ, - שטעהט יעצט פאר׳ן נשיא צוזאמען מיט אלע חכמים און ער דרשנ׳ט פאר זיי. האט דער פאטער זיינער, איבערגעלויכט פון אַ אינעווייניגסטען פערגעניגען, - דערנאך איז ער נאך מעהר איבערראשט געווארען, ווען ער האט געזעהען ווי ר׳ יוחנן בן זכאי האט איהם אַ קיש געטהון אין קאפ זאגענדיג דאבי״י: אז וואויל איז צו די הייליגע אבות, אברהם, יצחק, ויעקב. - וואס אזא איינער איז פון זיי ארויסגעקומען, - - - -

נאכ׳ן ענדיגען די דרשה, האט זיך ר׳ אליעזר אומגעקוקט איבער׳ן בית המדרש, און ער האט דערזעהען זיין פאטער שטעהט צווישען דעם פארזאמעלטע עולם, - איז ער גיך צוגעלאפען צו איהם און ער האט געזאגט: איך קען נישט זאגען קיין תורה, ווען איך זעה מיין פאטער שטעהען, - האט זיך הורקנוס דאן אוועקגעשטעלט אויף אַ באנק און אפגעגעבען אַן עפענטליכע ערקלערונג, דייט וויסען רבותי,

! בן תמליון האט נאר דערהערט, אז ר׳ שמעון רופט איהם, בי״ם נאמען האט ער אפגעטראגען – און די בת מלכה איז באלד געזאנט געווארען, – מיט וואס זאל איך אייך פאר דעם אפדאנקען – זאגט דער קיסר צו ר׳ שמעון בן יוחאי, און צו דיין חַבֵר ר׳ אלעזר בן יוסי – נעמט וואס איהר ווילט, מיין שאַץ קאמער איז פאר אייך אפען, געהט אריין און נעהמט פון דארט וואס אייער הארץ בעגעהרט, זענען זיי אריין אין שאצקאמער, אויפגעזוכט דארט די אויפגעשריבענע גזירה, גענומען און די צוריסען, און ממילא איז די גזירה אזוי ארום בטל געווארען, (זעה מעילה דף י״ז)

# שלח לחמך על פני המים

פון רבי אלעזר בן שמוע –

דערצעהלט מען אז ער האט אמאל שפאצירט ביים ברעג פון ים האט ער דארט געזעהען, ווי אַ שיף ווערד ארומגעווארפען פון די חוואליעס, אָן איידער מען האט זיך נאך געקענט אומקוקען, – איז די פאזונקען געווארען מיט אלעמען, וואס עס האט זיך אויף איהר געפונען, בלויז איין מענש האט זיך געראטעוועט, אויף אַ ברעט פון דער שיף, און ער איז צוגעשווימען צו דער יַבָּשָׁה אין גאנצען אַ נאקערטער, – גראד דאמאלס זענען אידען געגאנגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים, ווייל תאטש דער בית המקדש איז חָרֵב, פלעגען אידען עולה רגל זיין קיין ירושלים, האט דאַן יענער מענש צו זיי געזאגט: איך בין איינער פון אייער ברודער עשו׳ס קינדער, בעט איך אייך, איהר זאלט מיר געבען עפיס אַ מלבוש, צוצודעקען מיין נאקעטקייט, – דער ים האט מיין שיף צובראכען, און איך האב פון מיינע זאכען גאר ניט געקענט אפראטעווען, – – אויף דעם האבען די אידען געענטפערט: אויב די ביזט איינער פון עשו׳ס קינדער, קען מען דיר זאגען, אז האלואי וואלט שוין דיין גאנצע אֻמָה צו גרונד געגאנגען, ! – – האט יענער מענש אַ קוק געטהון צווישען עולם, און האט געזעהן דעם ר׳ אלעזר בן שמוע, האט ער צו עֶם אַ זאג געטָהן עס איז אויף דיר צו דערקענען אז די ביסט א חָשֵׁב ביי די מעשען פון פאלק, – איז נישט שעהן, צו לאזען אַ מענשען ארומגעהען נאקעט, – טָא בעט איך דיך: די זאלסט טהון אַ מצוה און מיר שענקען אַ מלבוש ווייל דער ים האט מיר אלסדינג צו גענומען, און אזוי ווי ר׳ אלעזר האט דאַן געטראגען אויף זיך, זיבען מלבושים, האט ער תיכף ארונטערגענומען פון זיך איין מלבוש, און האט עס דעם מענשען אוועקגעגעבען, דער נאך האט ער איהם אוועקגעפיהרט צו זיך אהיים, און האט איהם דארט געגעבען עסען און טרונקען, און צוויי־הונדערט דוקאטען אין קעשענע אריין, ער האט איהם אויך ארויף געזעצעט אויף דיינעם אַן איידעל, און ער האט איהם באגלייט. 14 מייל וועגס, ביז ער האט איהם געבראכט צו זיין הויז – – נאך אַ געוויסע צייט, איז דער קייזער (?) געשטארבען און מען האט אויסגעקליבען אויף זיין ארט אַנדערען מלך, האט דער נייער מלך, ארויס געגעבען אַ באפעהל געגען יענער מדינה (?) אויסצוהרג׳נען דארט, אלע מאנסבילען, און מיט די פרויהען זאל מען טהון וואס מען ווילען, האבען די מענשען פון יענער מדינה, געבעטען ביי ר׳ אלעזר בן שמוע, ער זאל געהען צום נייעם קעניג, בעטען פאר זייערט וועגען, זיי האבען איהם אויך מיט געגעבען 4000 טויזענד דוקאטען אַ מתנה צו יענעם קיניג – איז ר׳ אלעזר אוועקגעגאנגען צום יענעם קעניג׳ס פאלאץ און ווען ער איז צום קעניג אריינגעקומען, איז דער קעניג ארונטער פון זיין טהראן, האט זיך צו איהם געבוקט – און געפרעגט: וואס איז דיין פארלאנג?, האט איהם ר׳ אלעזר געזאגט: איך וויל, דו זאלסט רחמנות האבען אויף אָט דער מדינה, און דו זאלסט מבטל זיין דיין גזירה געגען זיי! – האט איהם דער קעניג געענטפערט: – – – עס שטעהט אין איירע תורה אז מען טאר ניט אריין נעמען אַן אַדומי אין גאטס געמיינדע ווייל זיי זיינען אייך נישט אקעגען געגאנגען מיט ברויט אין וואסער, ווען איהר זענט ארויס געגאנגען פון מצרים – דער נאך שטעהט, אז מען טאר ניט פאראומווירדיגען אַ אדומי, ווייל ער איז אייער ברודער, ! – אבער צו מיר האבען איירע מענשען ניט אזוי געטהון, – און ווער עס האנדעלט ניט לויט דער מצוה פון דער תורה, – דארף באצאהלען מיט זיין לעבען ! ...... – טְרָאצְדֶעם – דארפסטו דו זיי מוחל זיין! – האט ר׳ אלעזר אויף דעם געזאגט – דו דארפסט אויף זיי רחמנות האבען, ווייל טאמער האבען זיי נישט געהאנדילט לויט דער מצוה פון דער תורה, איז דאס געווען מַחְמַת נארעשקייט, און דער איבערשטער וועט זיי מוחל זיין .... דאס זאגענדיג, האט ר׳אלעזר דער לאנגט דעם קעניג די פיער טויזעדט דוקאטען, וואס די מענשען האבען איהם מיט געגעבען, – – האט איהם דער קעניג געענטפערט, די 4000 דוקאטען קענסטו באהאלטען פאר דיינעטוועגען, פאר יענע צוויי הונדערט דוקאטען וואס דו האסט מיר דאמאלס געגעבען, – – און דיין זְכוּת וועל איך אויך שענקען די זינד פון יענע מדינה, פאר עסען, און טרונקען, וואס דו האסט מיר געגעבען, דו קענסט אויך געהן אין מיין שאצקאמער, נעמען זיך די שעהנסטע מלבושים פאר דעם איינעם מלבוש דיינעם, וואס דו האסט מיר דאמאלס געגעבען! – ......

(זעה אין מדרש קהלת רבתי פרשה י״א פיסקא ב׳)

לא יבא אמוני בקהל ה׳ אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים וגו׳

ספר דברים כ׳ תצא כ״ג פסיק ד׳

וקרון עליה שלח לחמך על פני המים, וגו׳ מדרש קהלת רבא

## ר' שמעון בן יוחאי און זיין זוהן אליעזר — — — —

אַט דרעט זיך נאך ארום אויף דער וועלט ? דעבײ האט ער
אויף דעם מענשען אַ קוק געטהון מיט זיינע ברענענדיגע
אויגען, איז דער פארשוין באלד אוועקגעפאלען אַ טוטער. — —
דער נאך האט ר' שמעון גענומען דאס לייב פון זיין זוהן, אויס
צוהיילען. — און ר' פינחס בן יאיר האט אנגעהויבען היילען
דאס לייב פון ר' שמעון. — איז דער קערפער פון ר' שמעון
געווען פול אנגעפוילטע, מיט געשווירען פון זאמד,
אין וועלכען ער איז אזוי פיל יאהערען געזעסען, —
דערנעהערנדיג זיך פון באקסערען. און וואסער, — דעם
דערזעהענדיג דאס האט ר' פינחס אנגעהויבען וויינען, —
זיינען די טרעהרען זיינע אריינגעפאלען אויף ר' שמעונ'ס
פארפאלטען קערפער, — האבען זיי איהם מיט זייער
געזאלצענער שארפקייט, געביסען די ווינדען, און
ר' שמעון האט פאר גרויס שמערץ אנגעהויבען צו שרייען
— אז אַך און וועה איז מיר, וואס איך זעה דיך אין אזא צוש=
טאנד — האט ר' פינחס אויסגערופען מיט אַ טיפען קרעכץ
— אז וואויל איז דיר — זאגט איהם ר' שמעון הצדיק —
וואס די זעהסט מיך אין אזא צושטאנד ! — — ווען נישט
די זעהסט מיך איצט ווי איך בין, — — וואלט איך נישט
געווען וואס איך בין. — אט דאס איז פארגעקומען אין
דער שטאטד טבריה, ווי ר' פינחס בן יאיר האט גראדע
דעמאלס געוואוינט, דארט האט זיך ר' שמעון כסדר געבאדען
אין די ווארעמע קוואלען, — איז דער פון זיין קערפער גאר
גיך אויסגעהיילט געווארען, — נאכדעם ווי ר' שמעון איז
געקומען צו זיך: טראכט ער זיך, — מען דארף מיט עפעס
אפדאנקען דער שטאדט טבריה פאר דער טובה וואס זי
האט מיר געטהון מיט איהרע ווארימע קוואלען, — פרעגט
ער זיך, צי איז ניטא, דא אזוינס וואו ער וואלט געקענט
מיט זיינעם אַ אויפטהו נוצליך זיין, — דערצעהלט מען איהם,
אז דא געפינט זיך אזא פלאץ, וואס עס איז אַ (ספק טומאת
מת), ליידען דערפון די כהנים, ווייל זיי קענען חארט ניט אַ
דארך געהן, פרעגט ער: צי געפינט זיך דא נישט, אזעלכער
וואס געדיינקט פון אמאל אז דאס פלאץ, האט מען פאר ריין
געהאלטען ? — רופט זוך אַן איינער אַן אלטער מאן, — דא אויף
דעם ארט, האט אמאל, בן־זכאי געשניטען (ליפינע) פון
תרומה), בן זכאי איז געווען אַ כהן, — האט ר' שמעון גענומען
אויספויבען די ערד: דארט ווי עס איז געווען הארט, האט ער
באלד פאר ריין געמאכט, — און אזוי ארום האט ער אפגערייניגט
אין טבריה פיעל פלעצער, כדי די כהנים זאלען פריי קענען
אַדורך געהען, — הערט ער דער אלטער מענש ווי, בן יוחאי
האט ריין געמאכט אַ בית־הקברות, ! ? זאגט ר' שמעון מיט
פערדראס, — ווען די וואלסט ניט געווען מיט אונז, וואלסטו רעכט
געהאט דאס צו זאגען; איצט אבער, אז די ביסט מיט געווען
מיט אונז, וואס וועט דער עולם, אויף דעם זאגען : — —
אפילו אויסגעלאסענע פרויען, בעפוצען איינע די אנדערע,
בנות תלמידי חכמים !, און זאגעדיג, האט ר' שמעון אויף איהם
אַזא קוק געגעבען, איז יענער באלד געשטארבען. ! — — —

זעה שבת דף ל"ג עמוד ב'

[illegible]יגע לעגענדע זאגען אז ר' שמעון בן יוחאי. האט אין דער צייט ווען ער
[illegible]ערהייהלט האט ער פארפאסט א הייליגען ספר (זהר)

## — — צעריסען די גזירה

און יענע צייטען, פון די רוימעשע. רעגירונג, האט
אין רום געהערשט צוויי קייזארים איינער מיט דעם נאמען
(אוירעליוס), און דער צווייטער (ווערים, אַ רשע) —
האבען זיי ארויסגעלאזט אַ גזירה אויף אידען, מען זאל ניט
היטען שבת, — און נישט מל זיין קיין קינדער, (ושיבעלו
את נדות), — נעהמט רבי ראובן בן איסטרובלי, און האט
זיך ארומגעשוירען רוימיש, מען זאל נישט דערקענען
אין איהם אז ער איז אַ יוד, און איז געווארען נאהענט
בעקאנט מיט די רוימישע רייכס־לייט, פארפיהרט ער
מיט זיי אַ שמועס וועגען יודען, און גיט זיי אַ פרעגע:
— ווי מיינט איהר, אַ שונא דארף מען וואונשען ער זאל
רייכער ווערען, אדער ארימער ווערען ? — — —
געוויס, ער זאל וואס מעהר ארים ווערען — ענטפערען
זיי, — אויב אזוי — זאגט ער ווידער — לאזען זיי אים
שבת נישט ארבייטען, וועלען זיי וואס ווייניגער פערדינען
— זאגסט גאנץ גלייך — ענטפערען די רוימער, —
— היינט ווי מיינט איהר — זאגט ער ווייטער — אַ שונא דארף
מען ווינשען ער זאל שטארקער ווערען אדער זאל אפגע
שוואכט ווערען ? — געוויס, ער זאל וואס מעהר אפגעש=
=וואכט ווערען, — ענטפערען זיי, — — אויב אזוי — זאגט ער
לאזען זיי יאַ מל זיי די קינדער זייערע כדי זיי זאלען
אפגעשוואכט ווערען, — זאגסט גאנץ גלייך, (פרעגט ער
ווידער זיי מי שיש לו, אויב, ירבה או יתמעט, — ענטפערען
זיי יתמעט, אם כן, לא יבעלו נדות) — זאגסט גאנץ גלייך
גיבען — נאך די רוימער, און האבען צוריק גערופען די
גזירה, — דערנאך אבער, זיינען זיי דערגאנגען, אז ער
אליין איז אויך אַ יוד, האבען זיי באלד די גזירה צוריק
געשטעלט, — קלערען די יודען צווישען זיך: ווען מען שיקם
מען קיין רום אפרופען די גזירה ? — בלייבט מען זאל
שיקען ר' שמעון בן יוחאי'ן, ווייל ער איז שוין געוואוינט
צו נסים, און מיט איהם זאל מיטגעהן ר' אלעזר
בן ר' יוסי, געהען זיי ביידע קיין רום, קומט זיי אקעגען
איינער פון די שדים. דער לץ בן תמליון — און זאגט:
זיי: ווילט איהר, געה איך מיט אייך מיט', דורך מיר
קען אייך קומען די הילף, צעוויינט זיך ר' שמעון:
אינזער עלטער־ זיידענס דינסט — (הגר. אברהם'ס דיענסט).
האט ער געזאגט — זי איז יאַ ווערטה געווען ביי גאט
זיך צו בעגעגנען אויפ'ן וועג דריי מאל מיט אַ מלאך
— איך אבער האב דערצו אפילו — איינמאל אויך נישט
די זכיה — — זאל שוין קומען דער נס דורך וועמען ס'איז
— ! לויפט בן תמלוין פאראויס, און חאפט זיך אריין
אין קעניגס טאכטער — ווערט די פלוצום קראנק און
קיינער ווייסט ניט וואס איהר איז אזוינס, — ווי ר' שמעון
איז אהין אנגעקומען, — האט ער זיך גלייך אונטער=
=גענומען ארויסצוטרייבען דעם דבוק פון דער קראנקער
בת מלכה, לאזט מען איהם צו איהר אריין,
הויבט ער אַן רופען. בן תמליון ארויס, בן תמליין ארויס,

## אויס געכאפט ----

דער עולם האט אויסגעשאסען מיט אַ געלעכטער, און ר׳ יאשע האט זיך אנגעצונדען ווי אַ פייער,- דאס מאל האט ער געזעהן, אז דער שניידער טוט איהם צו להכעיס.--- שניידערוינק, שייגעץ, יונגאטש, ! האט זיך דער נגיד צופלאקערט — איך בין עפעס דיין גלייכען, וואס די פראוועסט מיט מיר קאטאוועס ? גראבער, יונג, קבצן - שלעפער, איך וועל דיר די מארדע דיינע צופראסקען ! און טאקי תיך כדי דביר, האט יאשע מכבוד געווען זיין „בן זוג„ מיט אַ פּאָר פעטש-שמחת תורה׳דיגע,-- דער ארימער שניידער האט אפגעווישט די ליפען אין געשוויגען, און דאמאלס אָן האט ער זיך געהיט ניט ארייצופאלען מעהר אין יאשעס הענד,- ..... מיט אפער יאהרען שפעטער האט דער שיקזאל די ביידען געבראכט קיין אמעריקא בלז אמעריקא- ר׳ יאשע איז דא אויך געווען ר׳ יאשע, אפילו ניט רייך, אבער ער האט געהאט אַ שטאַט פון שעהנע יאדען, און ער איז געווען אַן אנגעזעהנער בעל הבית, אין דער חברה פון זיינע לאנדסלייט, דא אזוי ווי אין דער היים,- האט ער יאהרען אנגעהאלטען די חזקה אויף „חתן תורה„, אין שמחת תורה׳דיגען טאג פלעגען ביי איהם די חברה בדודער הוליען אויף וואס די וועלט שטייט,- יאסעל דער שניידער, איז דא אויך געווען יאסעל דער שניידער,- אבער ער איז געשטאנען, אין אַ העכערע מדרגה ווי ער איז געשטאנען אין דער היים, ער איז ניט שלעכט אפ געווען און האט זיך אויס געמענשעלט,

-- אין שמחת תורה איז יאסעל געקומען דאווענען צו זיינע לאנדסלייט,- ער האט אַ קוק געטאן. אויף יאשע׳ן, וועלכער איז געשטאנען ביי ארון הקודש אין סטאַף פייפ, מעשה נגיד און שעהנער איד, און ער האט זיך דערמאנט אָן די אמאליגע פעטש וואס ער האט פון איהם געליזט,- היינט דארף מען זיך מיט איהם אפרעכענען - האט יאסעל ביי זיך געטראכט — און טאקע אויסקויפען זיין „חתן תורה„, אויף אַ אמת און זאל ער וויסען, !-- מען פארקויפט שוין די עליות, און ער האלט שוין ביי פארקויפען חתן תורה - צוואנציג שילינג פאר חתן תורה -- פינעף צוואנציג שרייט אויס דער שמש,- דרייסיג - פערציג — הערען זיך קולות פון אלע זייטען, און דער שמש חזר׳ט עס איבער בקול רם,- זיצט זי,-- חיי פייגע ר׳ יאשעס ווייב, אין עזרת נשים און קלייבט נחת,- די וויים אז דאס גיט אימעצער אין „רייסיים„, מיט איהר מאן, און געוואָנען וועט ער דאך געוויס -- ·· עס האלט שוין ביי זיבעציג שילינג, „ער האט זיך צוקאכט, מיין אלטער„- האט חַיָה פייגע געזאגט מיט שטאלץ צו די ווייבער וואס זיינען

## חתן תורה

געשטאנען נעבן איהר -„אה, מיינער וועט עס נישט ארויסלאזען, שוין אפשר דרייסיג יאהר, אז ער האט חזקה אויף „חתן תורה„--- אכציג שילינג פאר חתן תורה-! שרייט ווייטער דער שמש - ניינציג - הינדערט — עטליכע מאל האט דער שמש אויסגעשריען:-: הינדערט שילינג פאר חתן תורה,- און דער ביי איז עס פארבליבען,- מען האט שוין אפגעליינט, און עס האלט שוין ביי חתן תורה, דער בעל קורא זינגט „מרשות„ מיט אַ פרעהליכען ניגון,- און חיה פייגע קוקט נאך אין מחזור יעדעס ווארט. אין שמעלטץ זיך פון שמחה, „לתת חיים וחסד ונזר ועטרה לרבי יוסף בר שלמה הנבחר להשלים התורה„- זינגט דער בעל הקורא „הערט איהר ?"- זאגט חיה פייגע צו די ווייבער,- וויפעל מען גיט דערפאר איז ווערט,- דאס באזינגט דאך דעם חתן, מיין אלטען. זאל געזאנט זיין און כשעת מעשה קוקט זי די ווייבער אין די אויגען, צו זעהען וואס פאר אַ מינע זיי מאכען, אויך די זיינען איהר מקנא די גדולה וואס זי האט,! -און פערשימעלדיג מיט די ווייבער, דעהט זי ניט חיה פייגע, ווען מען רופט אויף צו דער תורה. הערט ניט די ברכות, און איז האלב צומישט פון איבערראשונג,-- אזוי זיצט זי און פרעגעלט זיך אין נחת און כבוד ביז ענדע דאווענען, נאכען דאווענען, מאכט חיה פייגע צו עטליכע פּאַטשאַטנע : אידענעס, איירע מענער וועלען דאך געהן צו מיר אויף קידוש, אט קומט אויך,- נישט צו פערדינדיגען, איך האב אַן געדרייט גענוג און עס וועט זיין מיט וואס איבעררייבען די צייהן,- זי איז ארויס פון שוהל צוזאמען מיט עטליכע ווייבער,- באלד נאך זיי איז ר׳ יאשע ארויסגעגאנגען, די ווייבער האבען איהם אפגעגעבען אַ גוטען, און אַ ברייטען, גוט יום טוב,- שטעהסטו דא ? —— מאכט ר׳ יאשע צו זיין אידענע, אַ שלעפ טוענדיג איהר פארען ארבעל,- קום אהיים,-·· מען דארף אויפען עולם - ענטפערט די גדלות :, עולם, שמוילאם! רופט זיך אפ ר׳ יאשע מיט רוגזא — אַ מדינה אמעריקא, שניידרוקעס זיינען דא בעל הבתים, חתן תורה רופט מען זיי אויף !

- יאסעל שמאהלקעס איז דא אויך אַ לייט טפו.! אהיים קום; זאג איך,- ר׳ יאשע מיט זיין ווייב זיינען אוועק אהיים מיט צובראכענע הערצער ....„„ און דער עולם איז אוועק צו יאסעל דעם שניידער אויף [illegible] כיבוד,

# אַ בילד אין שׂמחת תּורה, פון אידיש לעבען

צוויי פּערזאָהנען, מיט די זעלבע נעהמען,
ר' יאָשע שלמה׳לעס, דער תבואה הענדלער, - אין יאָסעל
שלמה׳קעס דער שניידער זיינען אין זייער שטעטיל, אין
דער אלטער היים אין פוילען, געווען צוויי וויכטיגע
פּערזאָנען, וועמען אלע האבען געקענט, - ר' יאָשע איז
געווען אַ איד אַ נגיד, כמעט (אלע האבען) דער רייכסטער
אין שטעטעל, איז געווען אַ איד, אַן אַסאָבע, מיט אַ
שעהנער באָרד, און קלעכדיגען בייכעל: דערצו אויך
אַ בר אורין, וואס האט געקענט לערנען אַ פּרק משניות
אין אויך אַ בלעטעלע גמרא, - ער האט געהאט אַ ברייטע
דעה, אין שטעטעל, און אלע האבען איהם צוגעטיילט
כבוד, זיין ארט אין בית המדרש איז געווען אין מזרח
וואנד נעבען רב, - און די שעהנסטע עליות אין כבודים
פלעגט ער קריגען - ! יאָסעל דער שניידער איז געווען
פונקט דער היפוך פון יאָשען. ער איז געווען אַ גרויסער
קבצן. אַ מאָגערער אידעל מיט אַ ציגענע בערדיל, מען האט
איהם געהאלטען פאר אַ פּראָסטאַק, וואס קען קוים דאווענען
- קיין דעה האט ער ניט געהאט. אויף אַ האָר, קיין כבוד
האט איהם קיינער נישט צוגעטיילט, זיין ארט אין בית המד׳
איז געווען. אונטערען בלעמער, און (אויפטען) אויפרופען
פלעגט מען איהם געבען אַ (הוספה פון אחרון) ר' יאָשע, איז
געווען אַ שטאָלצער, אין אַ קאַפּריזנער איד, ער איז פון
שטענדיג אָן געווען אַ שטיקעל, רודף אחר כבוד, און
קוים האט אימיצער געטון, אדער געזאגט אַ זאך וואס
איז איהם ניט געווען לרצון, איז ער געווען מלא חימה,
אויף יאָסעל שלמה׳קעס האט ר' יאָשע געטראָגען אַ
פּאַבאַרגענע שנאה, ער פלעגט אויף איהם קוקען ווי
אויף אַ שפּין, און ווען ער זאל קענען, וואלט ער איהם
דערשטאכען, - אין יאָסעל איז בעצם געווען אַ שטילער
מענש, ער האט קיינעם ניט אנגעטראָטען: בפרט מיט
דעם נגיד, - אין יאָשע האט איהם פיינט געהאט שׂנאת מות
אין ר' יאָשעס שׂנאה, צו יאָסעל דער שניידער איז געווען
אַזעלכע וואס ער האט געמוזט שטיקען אין זיך, ער
פלעגט דארום אָפּט קראַנק ווערען, פון פּאַדראַס, —
ר' יאָשע דער נגיד פלעגט אָפּט, אום כבוד האבען, דורך
יאָסעל דעם קבצן, אבוואהל, יאָסעל, האט גאר ניט אויסע
געווען, - אין שולדיג זיינען אין דעם געווען זייערע גלייכע
נעהמען, - צו דער תורה האט מען זיי ביידען אויפגערופען
מיט די זעלבען נאמען: ר' יוסף בר׳ שלמה, - עס פלעגט
דארום זעהר אָפּט טרעפען אז מען פלעגט, אויפרופען
ר' יאָשען, - און יאָסעל פלעגט ארויף קריכען אויפען
בלעמער, אין זיי פלעגען ביידע ווארטען ביז דער
שמש האט אנגעצייגט מיטען פינגער וועלכען
יוסף בר׳ שלמה, - צו יוסף דער נגיד, אדער יוסף
דער קבצן

יאָסעל דער שניידער, איז אפילו געווען אַ מענש
„המכבד את מקומו„ ער האט גוט געוויסט. אז ששי, אדער שלישי
באלאַנגט נישט צו איהם: ! - אויסער דעם, האט מען ר' יאָשען
אויפגערופען מיט אַ אנדער נוסח: יעמוד מורנו ר' יוסף ב' שלמה
- אבער איהם, יאָסעלען האט מען אויף גערופען אָהן אַ מורנו,
אבער אַ מענש איז מען, אמאל פארטראַכט מען זיך ביי
קריאת התורה, אמאל פארשמוסט מען זיך, - פלעגט זעהר
אָפּט טרעפען אז יאָסעל פלעגט פארהערען דעם,
מורנו, - אדער ניט וויסען ביי וועלכע עליה מען
האלט, און ער פלעגט זיך צוזאמען קומען מיטען
גביר אויפען בלעמער, אדער אויף די טרעפּלעך,
מאַנכעס מאל פלעגט טרעפען, אז די לצים פלעגען
אונטערשעקען יאָסעלען דעם שניידער, דאמאלס
ווען מען האט אויפגערופען, ר' יאָשען דעם —
תבואה סוחר, - כדי צו האבען אַ ביסעל שפּאס, —
נאר יאָסלען האט עס געאַרט ווי די וואנד, און דער
עולם האט געלאכט, האט ער אויך מיט געלאכט,
— ר' יאָשע אבער האט עס שרעקליך געקריינקט
און איהם וואלט געווען ליבער צו באַגעגענען זיך
מיט אַ לייב, איידער מיטען אָרימען שניידער
אויפען בלעמער, ר' יאָשע פלעגט זיך צו איילען, אין
שטעלען גרויסע טריט, ווען מען פלעגט איהם
אויפרופען צו דער תורה, ער האט דאס געטאָן,
אום ניט צו באַגעגענען זיך מיט זיין „בן זוג„
מיט יאָסעל שלמה׳קעס — מעשה שטן, פלעגט זיך
אבער יאָסעל ארויפקריכען גלייך מיט איהם - און ר' יאָשע
פלעגט רויט ווערען פון שאַנדע, — — — —

---

דער רייכער ר' יאָשע, האט יאָהרען לאַנג געהאט אַ
חזקה אויף „חתן תורה„ אין פרייז קן איז איהם נישט
צופיל געווען צו באַצאָהלען פאר דעם כבוד, —
שמחת תורה נאָכ׳ן דאווענען האט ער זיך נוהג געווען
צו פּאַררופען די בעל הבתים צו זיך, - אין מען פלעגט
הוליען ביז סאַמע נאַכט, - - איין מאל שמחת-תורה
צום ליינען, האט יאָסעל דער שניידער ארייגעכאַפּט
אַ פאר טרינק בראַנפען, אין איז געוואָרען פרעהליך,
איהם האט זיך פערגלוסט אַ ביסעל א שטיף טאָן
„לכבוד התורה„ און ווען דער שמש האט אויפען
קול אויסגעשריען „יעמוד מורנו ר' יאָסף בר׳ שלמה
חתן תורה חזק„ אין ר' יאָשע איז מיט גאוה, און מיט
שטאָלץ ארויף אויף דעם בלעמער, — —
איז יאָסעל ארויף פון דער צווייטער זייט, און
מאַכט צו איהם אַזוי: - ר' יאָשע, פון וואַנען
ווייסט איהר, אז מען מיינט עס אייך ? - איך הייס
אויך ר' יוסף בר׳ שלמה

# ר׳ חנינא בן דוסא

ווי עס איז באוואסט, פלעגט מען זיך ווענדען צו
ר׳ חנינא ביי יעדען אומגליק. וועלכעס איז
ערגעץ פארגעקומען, - איז איינמאל די טאכטער
פון נחוניא דעם ברונע׳ס-גרעבער, אריינגעפאלען
אין א ברונעם, וואס איהר אייגענער פאטער האט
אויסגעגראבען. אין מען איז געלאפען אונזאגען דעם
אומגליק צו ר׳ חנינא, ער זאל געבען אן עצה, ווי
אזוי מען וואלט געקענט דאס מיידעל ארויסשלעפען
פון דארט, - האט ר׳ חנינא תיכף געזאגט אז דאס
דאזיגע געשעהעניש מיז זיך גוט ענדיגען
דערנאך האט ער א זאג געטהון: געהט אהיים!
זי איז שוין ארויס פונ׳ם ברונעם! - - האט מען
געפרעגט: פון וואנען ווייסטו דאס? - -
ביזטו דען א נביא? „האט ער געענטפערט, ניין,
איך בין נישט קיין נביא! איך בין אבער זעכער,
אז אזוי ווי דער צדיק נחוניא איז באשעפטיגט מיט
מאכען ברונימער פאר די מענשען, וואס געהען
קיין ירושלים, דיי זאלען האבען צו טרונקען,
וועט עס דער אויבערשטער נישט לאזען, אז א
קינד פון אזא צדיק זאל געשטרויכעלט ווערען
אייגענעם פאטער׳ס א ברונעם (יבמות דף קכ״א)

אן געשיכטע ווערד דערצעהלט, וועגן חנינאס
ווייב, - אז ר׳ יוחנן איז אמאל געפאהרען אויף א שיף
האט ער געזעהן שווימען אויפ׳ן וואסער א קארב
באצירט מיט איידעלשטיינער און פעריל, -
ארומגערינגעלט מיט זעלטענע פיש, איז איינער
א שווימער ארונטער געגאנגען פונ׳ם שיף צו חאפען
דעם קארב, איז געקומען א פיש און האט איהם
געוואלט אפ רייסען די פיס, האט מען פון שיף
געגאסען עסיג אויף יענעם פיש, - און ער איז
אנטלאפען, איז דאן ארויס א בת-קול פונ׳ם הימעל,
וועלכעס האט גערופען: - וואס האט איהר צו
טהון מיט אט דעם קארב? ער געהער צו די
פרוי פון ר׳ חנינא בן דוסא, און זי וועט פון איהם
פלעכטען תכלת פאר די טלתום פון די צדיקים
לעתיד לבוא, (בבא בתרא דף ע״ד)

# רב חנא דערצעהלט

אליעזר דער קנעכט פון אברהם האט איינמאל
געפרעגט ביי שם, דער עלסטער זוהן. פון נח:
זאג מיר, ווי האט איהר געקענט אויפפאסען אויף
אזוי פיעל בעשעפענסען אין דער תיבה? - -
„מיר האבען טאקע געהאט גרויס זארג און מיה״;
האט שם געענטפערט, - עס זיינען דא בעשעפינסען
וואס דייער נאטור איז צו עסען בייטאג, האבען
מיר זיי געדארפט שפייזען בייטאג, - און עס זיינען
דא אזעלכע וואס זייער געוואוינהייט איז צו עסען
ביינאכט, האבען מיר זיי געמוזט שפייזען ביינאכט
דארט האט זיך געפונען א חיה מיט דעם נאמען
(זיקתא,) האט מיין פאטער ניט געוויסט, וואס
איהר עסען צו געבען, איינמאל איז מיין פאטער
געזעסען און געשניטען, מילגרוימען, - איז פון דעם
ארויסגעפאלען א ווארים, אין די חיה האט עס
אויפגעגעסען, זייט יענעם טאג פלעגט מיין פא=
=טער אוועקלייגען פאר איהר. האלב צופוילטע
פרוכטען און ווען עס פלעגט ווערען ווערעמדיג
פלעגט, די (זיקתא.) עסען, דארט איז געווען
א פויגעל. וועלכע האט געהייסען. (אורשינא),
אדער „חול״, פלעגט ער ליגען אין שלאפען
די גאנצע צייט אין זיין קעמערל, - איינמאל
פרעגט איהם מיין פאטער: „די ווילסט גאר
ניט עסען?״ האט דער פויגעל געענטפערט:
איך זעה, אזדו האסט אזוי פיעל שווערע
ארבעט מיט די אנדערע, האב איך דיך ניט געוו=
=אלט בעמיהען, - ווען מיין פאטער האט
געהערט אזעלכע רייד, האט ער אויסגערופען:
עס זאל זיין דער ווילען פון דעם אויבערשטען,
אז די זאלסט קיינמאל ניט שטארבען, און דער
פויגעל לעבט איביג, „זאג מיר״, האט שם
(בעפרעגט) ביי אליעזר, וואס האט איהר געטהאן
ווען די מלכים פון מזרח אין מערב. זיינען געקומען
מיט איך מלחמה האלטען? ״עס איז געווען אזוי?
האט אליעזר דערצעהלט, דער אויבערשטער
האט גענומען אברהם׳ן און האט איהם אוועק
געזעצט ביי זיין רעכטער האנד, פלעגען מיר
שליידערען, אויף אונזערע שונאים, ערד,
פלעגט פון דעם ערד, ווערען שווערדען,
מיר פלעגען ווארפען שטרוי און עס פלעגט
פון דעם ווערען קוילען,״ (סנהדרין קח)